STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02873

LEBN MAYNS

Aliza Greenblatt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבן מײַנס

פֿון

עליזה גרינבלאַט

פֿאַרלאַג קדימה-צענטראַל
פֿילאַדעלפֿיע
1935

צייכנונגען פון
ש. ראַסקין

Copyright by
ALIZA GREENBLATT
June, 1935

KADEEMAH CENTRAL
1902 S. 5th Street
Philadelphia, Pa.

17

לידער מיינע

לידער מיינע, קינדער מיינע!
כ'האָב אייך געהיט ווי דאס שוואַרצאַפּל פון אויג,
כ'האָב אייך דערנערט מיטן בלוט פון מיין הארצן,
כ'האָב אייך געטובלט אין מיין איינזאמער טרער.
איצט לאָז איך אייך גיין אויף פרעמד־ווייטע וועגן.
זאָלט איר ניט ווערען פאַריתומט, איך בעט.
זאָלן גוטע מלאכים אייך קומען אנטקעגן,
אויפנעמען אייך מיט צערטליכע הענט.
זאָלט איר ניט בלייבן אין איינזאמקייט ליגן,
ניט ווערן אין שראנקען צופרעסן פון שטויב.
זאָל א אידישע מאמע איר קינד ווען פאַרוויגן
מיט מיין איינזאמען וואָרט,
מיט מיין עלענדן ליד,

מיין מאַמען

I

לעבן מיינס

מיין תחינה

איך שטיי פאר דיר אין צער געבויגן,
דו האר פון גאר דער גאנצער וועלט,
דו שליסט דעם מענטשנס מידע אויגן,
און שיקסט דיין רו אין יעדן צעלט.
גלייך צו א פויגל פון איר שטייג אנטרונען,
בלאנקע איך אליין ארום,
די נשמה מיין דערשראָקן, שטום,
קען פאר זיך קיין רו געפינען.
אַ, גאָט דו אלמעכטיקער!
דיין אויג באוואכט אַ גאַנצע וועלט,
דו שפּייזט דעם מענטשן, אויך די חיה,
דאָס גרעזל אויפן פעלד,
דו האָסט רחמנות דאך, אפילו אויף דעם ווארעם קליין,
וואָס נערט זיך אונטערן שטיין,
איז עס דיין רצון, אז וואגלען זאל מיין נשמה
און אויסגיין פון בייענקשאפט און פון צער?
כ׳שטיי פאר דיר מיט הכנעה, מיין האר.
דו האר פון גאר דער גאנצער וועלט,
דו זעסט מיין צער, וואס מיך שטארק קוועלט.
פארנעם דאך דאס געבעט פון א בשר ודם,

ס׳איז טיף מיין פּיין, טיף ווי דער ים . . .
דער שליסל פון רו ליגט אין דיין האנט,
טא שיינק מיר גאט, כאטש א רואיקע שעה
איך בין דאָך מיד, אזוי מיד,
איך וואנדער, וואנדער און געפין ניט קיין רו.
איך הייב אויף מיינע אויגן פול מיט טרערן,
צו דיר, מיין גאָט,
עס זאָל מיין שווער געמיט, נאר קומען פאר דיר,
דו ווייסט ווי איך היט כשר דיין געבאט,
און טראג אין הארצן דיך ביי מיר.
מיט פחד שטיי איך דאָ — ארימער מענטש,
און בעט בא דיר, אָ, גרויסער גאָט,
באווייז מיר דיין גענאד.
און דאָס מאל, דאס איינע מאל, דערפיל מיין רצון,
איך בעט, חלילה, ניט קיין פּאלאצן,
און ניט קיין זילבער און קיין גאָלד,
קיין סאמעט און קיין זייד,
ווי ס׳האָבן אנדערע לייט,
נאר איין איינציקע זאך איך בעט ביי דיר,
באַרואיק דאָס שווערע האַרץ אין מיר.

זיי געבענשט, פרילינג!

ליבער פרילינג אויף די גאסן!
בייזער ווינטער איז פארביי;
יעדעם צווייגל, יעדעם גרעזעל,
שפינט א חלום אויף דאס ניי.

שפרייט זיך פרילינג אויף די פעלדער,
גרייט זיך צו דעם יובל פראכט,
זיי געבענשט, דו ליבער פרילינג!
דו האסט אונז די פרייד געבראכט.

*   *
*

אזוי פאַלן די טעג,
אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
אזוי ווי אין אסיען
די בלעטער פון בוים.

אזוי ציען די יארן,
אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
און לעשן אין הארצן
אַ טרוים נאָך אַ טרוים . . .

אַזוי פאַלן די נעכט
אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט,
אין האַרצן עס בלוטיגט
אַ וואונד נאָך אַ וואונד.

אַזוי פליסן פון אויג
אַ טרער נאָך אַ טרער,
און ווערן פאַרטראָגן פון ווינט,
אזוי וועבט זיך דאָס לעבן, מיין קינד . . .

מיין סוד

וואויל איז דער פרוי,
וואָס טראָגט אין האַרץ אַרום אַ סוד,
אַ ליב געשאַנק פון גאָט,
אַ סוד, אַ לויטער־ריינעם,
און טיילט אים ניט מיט קיינעם.
אַ מאָל אַ פרייד אַ ליכטיק־ברויזענדע ווי פייער־פלאַמען
פאַרפלייצט איר האַרץ ווי וואַסער שטראָמען.
ווילט זיך איר דעמאָלט בלויז
נאָר טאַנצן ווילד אַ קאַראַהאָד
אין היציגן אויפברויז,
לכבוד אָט דעם שענעם סוד . . .
אַמאָל פאַרציט זי שטיל אַ טרויער ליד
דאָס האַרץ אין לײדנשאַפט ברענט, גליט,
איר קול וויברירט פאַרבענקט און מיד,
עס בעט, עס קניט . . .
דאָס האַרץ שיר ניט צושפּרינגט,
און דאָך זי זינגט און זינגט.
אַף אירע ברעמען ציטערט אַ טרער
און ווערט פאַרצערט פון באַגער,
עס איז מיר וואויל און גוט,
איך טראָג אַזאַ מין שיינעם סוד,
בײַ מיר אין האַרץ, אין בלוט,
געבענטשט איז זיין גענאָד . . .

*   *
*

איך חלום אויס זיך וועלטען ווייטע.
מיינע טעג, זיי פאַלן שווער.
באַציר איך מיר מיין לעבענס גאַנג
מיט מיין חלום, מיט מיין טרער.

איך חלום אויס זיך נייע וועלטן,
וואו דער פרילינג בליט נאר בלויז.
און איך זע ניט ווי דער טרויער
מיט שאָטנס וועבט ארום מיין הויז.

מיט פרייד און גאַרונג כ׳גיי אנטקעגן
בלויע נעכט און פורפור טעג.
כ׳שוועב ארום אין ווייטע וועלטען —
ס׳איז דער חלום מיין פאַרמעג.

פאנטאסטישע חלומות

װען עס יאמערט אין מיר
א ביטער געװײן,
װען איך פיל אזוי עלענד
מיט זיך אליין,
לאָז איך זיך אויף װײטע װעגן גײען.
װען עס מאטערן מיך
שװערע רעיונות,
לאָז איך זיך אװעק
אין הויכע דמיונות.
װעב זיך אוים א װעלט
פון פאנטאסטישע חלומות,
פאנטאסטישע חלומות.

מיין לעבן

מיין לעבן א קייט פון אונענדליכן פיין.
כ׳ווייס: פונקט ווי דער נעכטן וועט אזוי מיין מאָרגן זיין.
כ׳וועל די זעלבע פראגע פרעגן:
לעבן! פאר וועמען און צוליב וועמענס וועגן?
אז דו ביסט ניטאָ.
וועל איך בלייבן מיט זיך אליין,
מיט מיין שטיל געוויין,
פרעמד זאל מיר זיין פרייד,
מענש און פריינט.
כ׳ווייס: דער מארגן פונקט ווי דער היינט.
כ׳וועל די זעלבע פראגע פרעגען:
לעבן! פאר וועמען און צוליב וועמענס וועגן?
אז דו ביסט נישטאָ.

זאָל מיך גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד

צו מיר האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען,
אַז דיר איז גוט און וואויל.
וועל איך חלילה צו בייזן
ניט עפֿנען מיין מויל,
נאָר אין פֿאַרשטיקטן צער
איך וועל דאַנקען גאָט דערפֿאַר,
וואָס ער האָט כאָטש דיר
אַביסל גליק געגעבן.
איך, איך וועל שוין אַזוי אַפּוואָגלען מיין לעבן
אָן אַ טראָפּן פֿרייד,
זאָל מיך גאָט ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד.

צוויי ווענזנס

די פענסטער פארהאנגען,
די טירן פאריגלט.
די וועלט ליגט פארזונקען אין דרימל.
צוויי וועזנס, זיי בלאנקען אויף עלענדע גאסן,
צוויי וועזנס — נאר זיי און דער הימל.
זיי שלעפן זיך עלענד אויף עלענדע גאסן
ווי בעטלער שטאָק בלינדע, וואָס שפּילן
אויף לירעס א הייזעריקן ניגון:
— מיר וואנדלען ווי פליגן —
אונזערע פינגער ביינערדיק קלאַפּן
אויף ווענט גלייכגילטיקע — מיר טאַפּן,
און טויב זענען אויערן.
פון הימעל די טויערן
זענען געשלאָסן, פארשפּארט
און קיינעם ניט ארט
ווען אין עלענד מיר גייען פארלוירן . . .
צוויי וועזנס ווי שאטנס דערשראקן,
זייער לעבן צושאָטן, צורונען,
וואנדלען און בלאנקען ארומעט
און קענען קיין רו ניט געפינען.

איך וויין ניט

איך וויין ניט, מיין פריינד,
וואָס די יאָרן פארגייען,
מיך שרעקט ניט אפילו
דער אנזאג פון טויט.
איך וויין אויפן לעבן,
אויף מיין ארעם לעבן,
פון וויסטן געראנגל
און פינסטערער נויט.
איך וויין נ׳ט אויף דעם,
וואָס דער ווינטער וועט קומען.
כ׳האָב דאך קיין פרילינג
געהאט, ליבער פריינד.
איך וויין אויף די יאָרן
וואָס זענען פארגאנגן.
אויף זייער איינזאמען וועג
האָט די זון ניט געשיינט.

בענקענדיג אזוי

ווי דער בוים ווארצל אין שווערען ווינטער,
אין דער ערד פארשלאפן,
חלום איך א גאנצן לעבן,
קום בלויז אפ מיט האפן.
ווי פארשמאכטע געלע פעלדער
דורשטן נאך א טראפן טוי,
שמאכט איך אפ מיין גאנץ לעבן,
בענקענדיק אזוי.
ווי דער אסיען־בוים אין עלנד,
פארלאזט פון פרילינג׳ס פראכט
ציט אזוי מיין טאג זיך עלנד,
נאך עלנדער מיין נאכט.

מיינע נעכט

מיינע נעכט —
פארהונגערטע קינדער
וואס שטרעקן זייערע הענטלאך
נאך א ביסן ברויט;
מיינע יאָר —
א סטאדע רינדער
וואס ציטערן
ווען נאָענט איז דער טויט.
מיין לעבן —
ווי די גרויע כמארעס,
מיין חלום בלוי
מיין איינציגער פארמעג.
כ׳האב אים נאָך
אינגאַנצן ניט דערחלומט,
און ווי אפגעשניטענע גראז
שוין ליגן מיינע טעג . . .

אייביק ווינטער

אייביק ווינטער, אייביק גרוי,
ציען מיינע טעג אזוי,
אויף מיין וועג ניטא קיין בלום,
וואָגל איך אליין ארום.

אייביק בענקשאפט, אייביק צער,
צי ווייסט מיין הארץ, נאך וואס איך גאר?
זיפץ נאך זיפץ, און טרער נאך טרער,
פאלט אזוי מיין לעבן שווער.

— — — — — — — — — — — — — — —

אייביק ווינטער, אייביק גרוי,
ציען מיינע טעג אזוי.

אַ פֿרילינג׳ס חלום

רו זאגסט דער אָסיען קומט שוין באלד,
איך קען עס דיר ניט גלויבן.
צו מיר עס ווינקט דער בוים אין וואלד
און רופט צו נייעם לעבן.
דו זאגסט ס׳איז טרויעריק דיר היינט,
מיט לעבן מאכסט ניט שלום.
בא מיר אין הארץ, מיין ליבער פריינד,
כ׳וועב א פרילינגס חלום.
די זאָגסט ס׳איז טרויעריק די גאס,
ס׳וועלקן שוין די בלומען.
ניי, דו מאכסט פון מיר נאר שפּאַס —
מיין פרילינג האַלט אין קומען.

אַז וואויל איז דיר

אז וואויל איז דיר,
ביסט קליגער פון מיר,
באַנוצסט דיין קאפּ, דיין פארשטאנד.
ווי איז מיר,
מיין הארץ האָט די אויבערהאנד . . .
אז וואויל איז דיר,
דיר איז בעסער פון מיר.
שטורמסט ארום ווי דער ים,
ווי איז מיר!
איך ווער פארצערט
פון ליידענשאַפט׳ס פלאם.

שאַטנס

קאַפּעט דרויסן פֿויל דער רעגן:
טראָפּ נאָך טראָפּ;
נאָגט אין הארצן שטיל א ווייטאג,
לאָזט ניט אָפּ . . .

שטיי איך איינזאם באַ מיין פענצטער:
קוק צעמישט אין גאַס אריין;
וויינט אין הארצן שטיל דער ווייטאג,
לעשט זיך אוים דער לעצטער שיין . . .

שלייכן שאטנס אויף די ווענט זיך,
ציטערן בלאַס און שטום;
וויינט אין הארצן שטיל דער ווייטאג,
פינסטער ווערט ארום . . .

די האַרף איז צעבראָכן

די האַרף איז צעבראָכן,
די סטרונעס צעריסן,
דער נגון ער וואַגלט אַרום;
די סטרונעס צעריסן,
די האַרף איז צעבראָכן,
מיין ליד איז פאַר׳יתומ׳ט און שטום.

די האַרף איז צעבראָכן,
די סטרונעס צעריסן,
צו זינגען כ׳בין איצט שוין מיד;
צעריסן די סטרונעס,
די האַרף איז צעבראָכן —
געקומען אַ סוף צו מיין ליד.

אומעט

מיין הויז שטייט ווי א חורבה,
מיט א צעפּראַלטער טיר.
ס'האָט זיך דא דער אומעט
פאַרוועבט א נעץ באַ מיר.

פוסט איז אין מיין חורבה,
ס'איז דא קאַלט און נאַס.
ס'הערט זיך בלויז דאָס בילן
פון א הונט אין גאַס.

זיץ איך שטיל, דערשראָקן,
פרעמד מיר מיינע ווענט,
שטרעק איך אויס פאַרצווייפעלט
אפט צו דיר די הענט.

שריי איך אין דער פוסטקייט,
רוף דיך אן ביים נאָמען.
כאָטש כ'ווייס, מיין ליבסטער,
קענסט צו מיר נישט קומען.

אַ ליד

אַ ליד איז אַ גרעזל,
אַ ליד איז אַ בלום.
אַ ליד איז אַ האַרץ
וואָס וואָגלט אַרום.

אַ ליד איז אַ וואָרט,
אַ ליד איז אַ קלאַנג,
אַ ליד איז פון גאָט
אַ הימליש געזאַנג.

אַ ליד איז אַ זיפץ,
אַ ליד איז אַ טרער.
אַ ליד איז אַ האַרץ —
און אפשר נאָך מער . . .

גֿעוויין פון אונטערגיין

ווען די זון נידערט צום פארגיין
און שווער רוקט זיך אן די נאכט,
זיץ איך מיר אזוי און טראכט,
צי זיך אין זיך אליין אריין,
פארגיי זיך אין א שטיל געוויין,
געוויין פון אונטערגיין,

דער טרויער ווי אַ קייט
נעמט שווארץ ארום די וועלט,
דעם מענטש, די חיה,
דאָס גרעזל אויף דעם פעלד.
שטיי איך, מענטש, געבויגן,
עלנד אין מיין געצעלט;
וויין אַ שטיל געוויין,
געוויין פון אונטערגיין.
פון מיין אונטערגיין.

טריפט אַ רעגן . . .

טריפט אַ רעגן אויף די שויבן,
וועבט אוזאָרן שיינע אויס,
זיץ איך איינזאַם אין מיין צימער,
טראַכט פון עפּעס — כ'וויים ניט וואָס.

פליען אָן זכרונות שווערע,
נעמען איין זיך אין מיין מוח;
קוק איך איינזאַם דורך מיין פענסטער,
זע פון קוימען ציט אַ רויך.

רויך — ס'ציט אַזוי מיין לעבן,
ציט זיך הויך און גייט באַלד אויס,
און דער רעגן קלאַפּט אַלץ שטאַרקער,
וועבט אוזאָרן שיינע אויס.

אַ שטורם קינד

כ׳וועל גיין מיט וואַלד,
רוען מיט פעלד,
זינגען מיט פויגל,
וואָס זינגט און טרעלט.

כ׳וועל שווימען מיט טייך,
זיך פירן מיט פלאַם,
קיינמאל נישט רוען,
ווי ס׳רוט נישט דער ים.

כ׳וועל לויפן מיט וועג,
שטיפן מיט ווינט,
ווייל אויך איך בין
אַ שטורם קינד.

איך דאנק דיר גאט

א.

איך דאַנק דיר, גאָט,
פאַר מיין געהער,
פאַר מיין אויג,
פאַר מיין ריר,
פאַר מיין בויג,
פאַר מיין ציטער,
פאַר מיין צאַפּל,
פאַר יעדעס טראַפּל,
פאַר מיינע פיס,
פאַר מיינע הענט,
פאַר מיינע אָרימע פיר ווענט.
אפילו פאַר מיין צער
כ׳דאַנק דיר גאָט — מיין האַר.

ב.

איך דאנק דיר, גאט,
פאר די הימלן,
פאר די שטערן,
פאר זון און לבנה,
איך דאנק דיר
פאַר דיין געטלאכער מתנה.
איך דאנק דיר, גאט,
פאר די בוימער,
פאר די גראָזן,
פאר די בלומען אויפ'ן פעלד.
איך דאנק דיר, גאָט,
וואס מיין אויג
קען פארנעמען
די שיינקייט פון דיין וועלט.

הזורעים בדמעה —
ברינה יקצורו.
(תהלים, קכ״ז)

דער וואָס זייעט מיט געוויין —
דער שניידט מיט פרייד,
געגלויבט האָב איך יאָרן און יאָרן.
כ׳האָב פאַרזייעט מיט געוויין
און איך שנייד מיט צער;
ס׳איז דער פסוק ניט מקוים געוואָרן.

ס׳ווייסן בלויז די ווענט

קיינער ווייסט ניט די געדאנקען,
וואָס איך טראכט.
קיינער הערט ניט מיינע זיפצן,
נאר די נאכט.

קיינער זעט ניט מיינע טרערען,
הערט ניט מיין געוויין.
קיינער ווייסט ניט מיינע ליידן,
אויך נישט ער אליין.

קיינער זעט ניט דאס פלאם־פייער
וואס אין הארצן ברענט.
איך אנטפלעק מיין סוד ניט קיינעם;
ס׳ווייסען בלויז די ווענט.

באַפרײַ מיך

מיט וואכן גײַסט און ווײַט־אָפענע אויגן
כ'האָב זיך דורכגעשלעפּט דײַן וועלט,
האָב דיך מיט אַ וואָרט ניט דערצערנט,
דיר קיינמאָל קיין פראגעס געשטעלט,

נאָר שטענדיק געטראָגן דעם גורל,
וואָס דײַן האַנט האָט געצייכנט פאַר מיר.
איצט, כ'פיל כ'בין מיד.
ביז וואַנען דען גאָט, איז אַ שיעור?

פאַרגיב מיר, רבונו של עולם!
איך ווייס מײַנע רייד זענען זינד.
שוואַך זענען מענטשלאַכע כחות.
רחמנות איך בעט נאָר אַצינד.

איך ווייס, אַז די וועלט איז אַ סטעזשקע,
וואָס פירט צו דער אייביקער רו.
באַפרײַ מיך — כ'בעט:
שליס מײַנע אויגן שוין צו!

מ׳שטיינס געזאָגט

מ׳שטיינס געזאגט,
וואס איך פארלאנג:
א חלום בלויז,
א צויבער קלאנג,
א שמייכל ריין,
א צערטל בלויז,
א ביימעל גרין,
א צארטע רויז.
דאס אלעס וואס מיין הארץ באגערט.
איז דאס אויך מיר נישט באשערט?

טאָ זאָל אזוי זיין

איז אפשר מיר באַשערט
צו טובלען מיין שיר אין אייגענעם פּיין,
לייטערן מיין פערז אין מיין צער —
טאָ זאָל אזוי זיין.
טאָ זאָל אזוי זיין.
איז אפשר מיר באַשערט
אין בענקשאַפט פארגיין און ניט ווערן,
שפּייזן אנדערע
און אליין פארהונגערט ווערן,—
טאָ זאָל אזוי זיין.
טאָ זאָל אזוי זיין.

אַ חלום...

רייך איך בין שוין איצט אין יאָרן,
כ׳ווייס: איך בין ניט מער קיין קינד.
דאך האָט מיין הארץ נאך קיינמאָל טיפער
ניט געליבט ווי ס׳ליבט אַצינד.
ס׳האָבן יאָרן אויף זייער שלייפשטיין
אויסגעאיידלט מיין געפיל.
מיין הארץ איז יונגער נאך געווארן,
ס׳וועבט א חלום אין דער שטיל.

שטילע נעכט

אין די שטילע נעכט,
ווען איך בלייב אין הויז אליין,
גיס איך אויס מיין בענקשאפט פאר די ווענט —
שטומע עדות פון מיין פיין.
זיי זעען ווי איך ביים די ליפן איין
און פון ווייטאג איך ברעך די הענט
און ווי די ווייסע קישן מיינע
כ'טונק אין טרערן, ביטער ווי פאלין,
און ווי איך לויף ארום הער און הין,
קען קיין פלאץ זיך ניט געפונען,
ניט צו בלייבן, ניט צו אנטרינען.
ווען די ווענט וואלטן דערציילן דיר
וועגן די שטילע נעכט
ווען איך בלייב אין הויז אליין
מיט מיין צער און געוויין,
וואלסטו מיך פארשטאנען דאן
און געוואוסט אז ס'איז פאראן
טיפע בענקשאפט אויף דער וועלט.

אַן יום טוב

ליבע'ס־קוואלן אין מיין האַרצן
ברויזן, ברויזן אָן א שיעור,
און אין לעבן טעג נאָר טריבע,
שטייען אנגעגרייט פאַר מיר.
אין מיין לעבן, בײַ זיין שפּין־ראָד,
כ'וועב א חלום פון יום טוב רו,
און די יאָרן קומען — גייען,
און קיין יום טוב איז ניטאָ.
זיץ איך איינזאַם, קאָפּ געבויגן,
האַרץ פאַרקלעמט און קלער, און קלער:
גאָט אין הימל אָן א יום טוב,
פאַלט מיין לעבן אזוי שווער.

אַ טענה

גאט, איך האָב צו דיר אַ טענה —
צו וואָס באַשאַפן האָסטו מיך?
צו וואָס ברויזן די געפילן מיינע
אַז כ׳מוז זיי האַלטן נאָר פאַר זיך?

צו וואָס באַשאַפן די פאַרלאַנגען,
און דאָס לעבצן נאָך ווייטן רוף?
צו וואָס בענקען נאָך אויפגאַנגען
און קריגן שפּייז נאָר פאַר מיין גוף?

מיין נשמה זי איז פאַרהונגערט,
און די מענטשן — זיינען זאַטע,
ריים איך זיך צו הויכע הימלן
און זיי — שלעפּן מיך אין בלאָטע.

איך בין דיר מוחל דיין מתנה,
נעם צוריק זי אין דיין געצעלט,
גיב מיר גאָט אַזאַ נשמה,
וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר דער וועלט.

כ׳וועל ניט פאַרבייטן

כ׳וועל מיין טרויער ניט פאַרבייטן
פאַר אייער גאַנצער פרייד;
מיט מיין אומעט כ׳וויל פאַרבלייבן,
ליב איז מיר מיין לייד.
מוחל בין איך אייך דעם נחת,
לאָזט מיך מיט מיין צער!
איז עס מיר באַשערט אַזוי —
דאַנק איך גאָט דערפאַר.

ווי אַ פידל

מיין הארץ איז ווי א פידל
מיט סטרונעס אנגעצויגן,
עס שפילט אף דעם דאָס לעבן
כסדר ווי א בויגן.

עס שפילט אמאָל א ניגון,
און אפט א טרויער־ליד.
מיין הארץ וועט אייביק שפילן —
קיינמאל ניט ווערן מיד.

שטאָלצע מענער

מענער ווי פון גבורה שכור,
מיט די האמערס אין די הענט,
פון די דילן רייסן שטיקער,
ברעכן שטיינער פון די ווענט.

מיר, די בויער פֿון געצעלטן,
קלאַפּן האמערס שטאָלץ און פריי.
מיר וועלן איבערבויען וועלטן,
מאכן אלעס שפּאָגל־ניי.

שטאָלצע מענער, איר קענט בויען!
דאָס איז טאקע זייער שען.
קענט איר לעבנס איבערבויען
ווען זיי האַלטן אין פאַרגיין?

*   *
*

ווי ס׳יאגען די טעג —
ווי ס׳לויפן די יארן.
און איצט ווי פריער דאָס זעלבע;
ס׳פרעגען פארגאפט מיינע אויגען:
וואוהין?
וואוהין פארשווינדן די טעג,
וואוהין פארלויפן די יאָרן?

כ׳זע גאָט׳ס וואונדער

אין דער בלויקייט
פון פרימאָרגן
ליגן סודות טיף פאַרבאָרגן.
אין דעם כשוף
פון די בלומען
זענען וועלטן
צו געפינען.
אין דעם שמייכל
פון די קינדער
כ׳זע גאָט׳ס וואונדער,
כ׳זע גאָט׳ס וואונדער . . .

פאַראַנגען סודות

פאראנגען סודות,
סודות אלערליי;
סודות שווארץ ווי כמארע,
סודות ווייס ווי שניי.
סודות שווערע,
שווערער נאך פון בליי;
סודות לויטער ריינע
ווי דער מארגן טוי אין מאי.
סודות שווערע —
געלאדן פול מיט זינד;
סודות לויטער ריינע,—
דער שמייכל פון א קינד.

מיינע פערל

קלויב איך מיינע פערל אויף,
פערל ווייס ווי שניי,
אויף מיין וועג דעם זאמדיקן,
איינס און איינס ווערט צוויי.

ציל איך מיינע פערל אויף,
אויף א זילבער שניר.
און מיין הארץ דאס בענקענדע,
איך מיט זיי באציר.

ציל איך מיינע פערל אויף,
פערל אלערליי.
צייל איך זיי פאמעלאך אוים:
איינס און איינס איז צוויי.

דאָס לעבן

איך קוק אַף די ברויזנדע כוואַליעס,
וואָס ציען צום זאַמדיקן ברעג:
אַזוי אויך דאָס מענטשלאַכע לעבן —
זאַמד — און זאַמד איז זיין וועג.

איך קוק אַף די גליענדע שטערן,
וואָס גליען אין אייגענעם פלאַם,
און טראַכט אָפּט פון מענטשלאַכע הערצער,
וואָס שטורמען פונקט ווי דער ים . . .

ווי שרייבט מען לידער

ווי שרייבט מען לידער,
פרעגט מיין פריינט
און קוקט אויף מיר פארלאָרן.
בלויז א שמייכל פון א קינד —
און ס׳ווערט א ליד געבוירן.
נאר א פעדער, א ביסל טינט
און פאפיר א בויגן.
בלויז א צערטל פון דיין האנט,
א בליק פון דיינע אויגן.
נאר א טייכעלע א קליינס,
צי א בלויער הימל,
בלויז א בוימל אינ׳ם וואלד
צי א צאַרטעם בלימעל.
נאר א טרעל פון פויגל הויך
וואָס קלינגט אפ אין דער נידער,
און עס איז גענוג פאר מיר
צו שרייבן מיינע לידער.

די באַן

פּיף פּאַף, פּיף, פּאַף,
קרעכצט די באַן אַזוי און רופט.
שניידן מעסערס איין די לופט:
טראַ טאַ, טראַ טאַ.
קלאַפּן רעדער האַמעטנע און שווער.
איך ליג מיט אויגן אָפענע און קלער,
איך קלער:
פון נעכט פאַרגאַנגענע
אַן אַ טראָפּן גליק,
פון טעג צושוואומענע און גרוי,
פון יאָרן גלאַט אַזוי . . .
פון גרויען האַרבסט
אַן אַביסל פרייד.
זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן
פאַר די רייד.
פּיף פּאַף, פּיף, פּאַף,
סאָפּעט שווער אַזוי די באַן.
אין דער שטילקייט קלאַפּן רעדער
מ אָ נ אָ ט אָ ן .
נו שאַ! צי קענט איר זאָגן ווער,
איך באַשווער,

האָט עמיצער מיין פרילינג
אויסגעלעבט פאר מיר?
צי אפשר איז אינגאנצן
קיין פרילינג ניט פאראן?
טרא טא, טרא טא,
קלאפן רעדער מאנאטאָן.
וואָס! אט בליהען דאך די בלומען
אויפן גאס?
עס דוכט זיך אונז אזוי.
עס שמאַכטן אויך די בלומען נאך א טראָפן טוי . . .
פיף פאָף, פיף פאף,
סאָפּעט שווער אזוי דער באַן,
אין דער שטילקייט
קלאָפן רעדער מאַנאָטאָן.

אין צער

כ׳וועל פארשליסן מיין מויל,
פארשלינגען מיין טרער —
און קיינעם א ווארט
פון דעם וואס איך קלער.

כ׳וועל פארזינגלען מיין הארץ,
פארוועבן מיין צער,
און אויסגיין אזוי
נאך דעם וואס איך גאר.

שוואַרצע שאָטנס

בענקשאַפט.
שוואַרצע שאָטנס דרייען זיך אין קאַראַהאַדן.
דרייען מיך אין ווילדן טאַנץ.
איך טאַנץ דעם טאַנץ פון טויט,
און לאַך א וויסט געלעכטער.

— — — — — — — — — — — — —

דו האָסט אָפגענאַרט, דו שלעכטער!

אומעט

ס׳וויינט דער אומעט אױף די גאסן,
ס׳קלאַגט דער עלנד בײַ מײַן טיר.
כ׳האָב מײַן אײגן הארץ פֿאַרשלאָסן,
בענקענדיג אזוי נאָך דיר.
שאַ! ווער וויינט עס דארט אין דרויסן?
זאָג: ווער קלאָגט עס בײַ מײַן טיר?
איז דאָס מײַן הארץ וואָס כ׳האָב פֿאַרשלאָסן,
וואָס וויינט און קלאָגט אזוי אין מיר?

עלענדער

ס׳האָט מיין ביטערער עלענד
מיך געטריבן צו דיר.
בין איך געקומען, געקלאפּט אן דיין טיר —
האָסטו זי האסטיג געעפנט פאר מיר.
און האָסטו דיין צארט ווייכע האנט אויסגעשטרעקט —
האָבן זיך ווייטע האריזאנטן אנטפּלעקט
און האָבן מיט כשוף צום לעבן געוועקט.
געפּליסטערט פון מויל האָבן זים דיינע רייד.
האָסט משוגע געקושט דעם זוים פון מיין קלייד,
מיין הארץ האָט געצאפּלט פאר פרייד.
האָסט זיידענע סטעזשקעס געשפּרייט
דאָן פאר מיר.
פון בעטלערין כ׳בין געוואָרן
פּרינצעסין בא דיר,

— — — — — — — — — — — — —

און איצט בין איך עלענדער געבליבען ווי פריהער.

כ'שעם זיך

איך שעם זיך,
איך שעם זיך פאַר מיינע אייגענע פיר ווענט.
שטרעק איך אפּט צו דיר
מיינע אויסגעבלייכטע הענט
און רוף דיך אן באַם נאָמען,
כאָטש איך ווייס,
דו קענסט צו מיר ניט קומען.
ביסט מיר אזוי נאָענט
און דאָך אזוי ווייט!
א פרעמדער ליגט גאָר בא מיין זייט.
אה, ווען מיין קישן
וואלט דערציילן דיר
פון מיינע נעכט,
פון מיין נשמה צער.
כ'האָב דאס הייליקסטע אין זיך פארשוועכט
און איך שפּיל דעם נאר.
ביים איך מיינע ליפּן איין ביז בלוט,
ריים מיינע האָר פון קאָפּ,
ברעך פון ווייטיק מיינע הענט.
איך שעם זיך,
איך שעם זיך פאַר מיינע אייגענע פיר ווענט.

איך בין אליין . . .

א.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט
מיט א ביטער געוויין.
ליבסטער מיינער, איז דאס אמת,
אז דו האָסט מיך געלאָזט אליין?
דו מיין איין־און־איינציקער,
מיין הארצנ׳ס אויסדערוויילטער,
מיין נחת, מיין פרייד,
האָסטו גערעדט אזעלכע מאָדנע רייד?
דו האָסט מיך באליידיקט און פארשעמט.
מיין פּנים האָט פון חרפּה מיר געברענט.
דיינע ווערטער, ווי בייטשן, האָבן געשמיסן מיין לייב.
איך דיין פּרינצעסין, דיין קעניגין
בין געווען בלויז ווייב? . . .
גאָט, גיב מיר כוח.
נאָר, שאַ!
ע — עפּעס דרעט זיך אין מיין מוח.
כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי!
אַ געלעכטער, א געפריי.
קאראהאָדן א געדריי.

פוצט מיך אוים אין חופה קלייד!
מאכט א ווארע, חתן גייט!
פרישע בלומען, מיינע פריינד.
ס'איז דאך חופה בא מיר היינט!

ב.

סקריפן פידלן, קלאפן פויקן.
באראבאנטשיק, שטארקער, שטארקער!
מחותנים, קאראהאדן,
פלעכטן, דרייען זיך אין ראדן.
האנט אויף אקסל, הויבט די פאלעס!
קאראהאדן דרייט זיך דרייט!
באראבאנטשיק, שטארק און שטארקער,
אז פלאצן זאל דאס הארץ פאר פרייד!

ג.

הינטערפירערס, נעמט מיין ארעם ,
פירט מיך צו דער חופה שוין!
טאטע! מאמע! וואו זענט איר ליבע?
ניך דערלאנגט דעם קידוש־ווין.
„הרי את מקודשת לי" . . .
איך בין שכור . . . כי־כי־כי!
פאר א כלה ס'איז ניט שיין.
נאר שא! וואס הער איך א געוויין?
איך בין אליין . . .
איך בין אליין . . .

אפן טראמוואי

מיר האבען געטוליעט זיך
איינער צום צווייטן
מיט קני און מיט עלנבויגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

פרייד האָט געשפריצט פון די אויגן.

מיר האָבן געשוויגן,
דאָך מער ווי גערעדט,
און גיך איז געלאָפן די צייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'האבן ליפן געקושט פון דער ווייט.

מיר האָבן געזעגנט זיך
„צוויי אלטע באקאנטע"
מיט בליקן שטארקער פון רייד.

— — — — — — — — — — — — — — —

צוויי הערצער צעריסן, צעשיידט . . .

אַף די וועגן . . .

אַף די וועגן, באַ די שליאַכן
וואו עס מורמלען שטילע טייכן,
וואו עס ציען זיך די פעלדער,
וואו עס גרינען טיף די וועלדער,
וואו עס בליען צאַרטע בלומען,
וואו די גרעזלאַך שטילע טרוימען,
וואו עס רויטלען זיך די הימלען,
וואו די ווינטלאַך רעשיק טומלען,
וואו עס לייכטן זילבער־שטערן,
וואו עס ציטערן באַגערן,
וואו די פויגל זינגען, טרעלן,
דאָרטן וואָלט איך אייביק וועלן
זיצן איינזאַם, שטיל אַליין
ביז מיין לעבן וועט פאַרגיין.

II

עליזה גרינבלאַט   לעבן מיינס

באַרג און טאָל

באַרג
און
טאָל

חלום'ען חלומות

אין דער טיפקייט פון דער נאכט,
ליגן בארג און טאָל פארטראכט —
חלומען חלומות,
חלומען חלומות.

ווארפט דער בארג צום טאָל א בליק,
ענטפערט טאָל פארשעמט צוריק,
זעלביקע רעיונות,
חלומען חלומות.

טאָל מיט בארג און בארג מיט טאָל,
בליען בלומען אָן א צאָל,
כשוף, כשוף אומעטום.

ווידערט אפן בארג א קול,
כאפט עס באלד אויף אויך דער טאָל,
באלד ווערט שטיל ארום,
באלד ווערט שטיל ארום . . .

פרייד, מיין פרייד

פרייד, מיין פרייד, זינג ארויס פון מיר!
פרילינג שיינט און שטייט שוין ביי מיין טיר.
כ'האב צעפראלט מיין פענצטער און ס'האט
א פלייץ געטאן מיט יובל פון בארג און טאל;
מיט פרייד געשריי פון בוים און פעלד.
ס'זינגט צו מיר די גאנצע וועלט!
פרילינג שטייט שוין ביי מיין טיר —
לעבען מיינס! זינג ארויס פון מיר . . .

פרילינג

א.

פרילינג דער ליבער
ער האלט שוין אין קומען .
עס שפראָצן די גרעזלאך,
עס כשופט דער וואלד.

א בשורה א ליבע
שטייט אויף די גאסן:
פרילינג דער ליבער
ער קומט צו אונז באלד.

ב.

פייגעלאך מחנות'ווייז
אפשר אין די מיליאנען
האבן זיך היינט
דאָ באוויזן אין וואלד.
איך ווייס ניט פון וואו
איך ווייס ניט פון וואנען.
פייגעלאך ליבע,
איז אייך דא ניט קאלט?
איך ווייס ניט צי זינגט איר,
צי טוט איר באקלאָגן
דעם טרויער דעם טיפן,
וואָס שלייכט דא אין וואלד.
צי האָט איר די בשורה
געבראכט אונז צעטראגן:
פון פרילינג דעם ליבן —
וואָס קומט צו אונז באלד?

ג.

פרילינג פיבערט
אין די פעלדער,
פרילינג ציטערט
אין די וועלדער,
פרילינג פלירט
מיט בארג און טאָל —
איך דאנק דיר, גאָט, וואס כ׳האָב דערלעבט
צו זען דעם פרילינג נאכאמאָל.
פרילינג פלאטערט
אויף די גאסן,
פרילינג צערטלט
גראָז און צווייג.
שטיפט א ווינטל,
טאנצט און קוועלט,
אין מיין הארץ עס זינגט דער פרילינג:
גאָט, ווי שיין ס׳איז דיין וועלט!

ד.

(מיין פריינד און לערער אב. גאלדבערג
צו זיין 50טן געבורטסטאג)

פרילינג־גאָלד אַף גרינעם שוים,
ס׳זינגט דער פויגעל אויפ׳ן בוים
טראלא לא, לא לא לא,
וועבט דער מאָרגן ליד אַזא . . .

צארטער ציטער אין דער לופט,
ווינקט דאס בלימעלע און רופט,
ווינקט דאָס גרעזל פונ׳ם טוי,
זינגט דער פויגעל אליץ אזוי:

טראלא לא, לא לא לא,
וועבט זיך אליץ א ליד אזא.

שטיפען ווינטלאך שטיל פארטראכט,
האבן טייכן אויפגעוואכט —
פליגל פלאַטער אין דער לופט
און אין הארצן זינגט און רופט —

טראלא לא לא לא לא,
וועבט זיך אויס א ליד אזא . . .

ה.

ס'שלאָפט נאָך שניי טיף אױף די גאַסן,
באַ די ברעגעס שפּראָצט שױן גראָז.
אין װײַסן שלײער אױסגעפּוצט
שטײט פאַרחלומט שטיל מײַן הױז.

אין מײַן גאָרטן שטײען בײמער
אין װײַסע פּעלצן אָנגעטאָן;
אַלע שמײכלען, אַלע האָפן,
ס'קומט שױן באַלד דער פרילינג אָן.

און אפשר א שעה

ס'האָט דער פּראַסטיקער ווינטער
אין מיר זיך פאַרקליבן,
מיין הארץ איז געוואָרן זיין נעסט.
ווי לאַנג האָט מיין חלום אינגאַנצן געדויערט?
דאַכט מיר א רגע, און אפשר ווער ווייסט . . .
איז פּלוצלינג דער ליבער פרילינג געקומען.
צו וואס גרינע פעלדער און בלומען איך קלער.
פרילינג מיין ליבער, ביזט צו שפּעט געקומען,
מיין חלום מיין שענסטער, ער לעבט שוין ניט מער . . .
וואָגל איך אום איבער עלענדע גאַסן,
און קען ניט געפינען אין ערגיץ קיין רו.
ווי לאַנג האָט מיין חלום אינגאַנצן געדויערט?
דאַכט מיר פיל יאָרן,
און אפשר א שעה . . .

פרימאָרגן

קומט פרימארגן אן אַ בלויער,
שטיפט אַ ווינטל זיך אזוי.
שטייט אַביימל באַ מיין פענצטער
איינגעהילט אין מארגן־טוי.
ווען די נאכט פאַלט צו א שווערע,
לאזן צווייגלעך זיך אראָפ,
שליסן בלעטלאַך צו די אויגן,
מיד לאזט בוים אראָפּ דעם קאָפּ.

גרינע פעלדער

גרינע פעלדער, זילבער טוי,
און דאָס האַרץ — עס בייִנקט אַזוי!

וועבט די נאַכט אַ חלום שטיל;
און דאָס האַרץ — עס מאַנט, עס וויל . . .

ציען טעג זיך כמורנע גרוי
און דאָס האַרץ — עס ברויזט אַזוי . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

גרין דער בוים און גרין דאָס פעלד,
רואיק ליגט אַ גאַנצע וועלט.

עס רוט דער בוים, עס רוט די בלום —
נאָר איך איינע וואָגל אום.

אַ ליד נאָך אַ ליד

פאַרכשופטע שטייען
די בוימער אין פעלד,
די בוימער אין פעלד,
און הערן זיך איין,
ווי דאָס וואַסער׳ל פאַלט,
דאָס וואַסערל פאַלט.

פאַרחלומטע ליגן
די בלומען אין פעלד,
די בלומען אין פעלד,
און הערן זיך איין
ווי דער פויגל ער טרעלט,
דער פויגל ער טרעלט.

גיי איך אַרום
מיט געמאָסטענע טריט,
געמאָסטענע טריט.
אין האַרצן איך וועב
אַ ליד נאָך אַ ליד,
אַ ליד נאָך אַ ליד.

פאַרנאַכט

די זון פאַרגייט אַ גאָלדענע
אין ווייטן, ווייטן וואַלד,
וואַרפט זי אויף די ביימער
פולע זשמעניעס גאָלד . . .
פורפורט זיך דער הימעל,
אויסגעוועבט פון זייד,
צינדן זיך די וואָלקנס
דאָרט אויף מערב זייט . . .
ווערן ביימער ערנסט,
שטייען טיף פאַרטראַכט,
ס'ציטערט יעדעס צווייגל
פאַר'ן אנקום פון דער נאַכט.

אין פעלד

פעלד און בוים,
בוים און פעלד,
שטיל פאר׳כשופ׳ט ליגט א וועלט.
ס׳רוט וואַלד,
ס׳דרימעלט בלום,
פלאַטערט שטיל די נאַכט ארום.
לבנה גאָלד,
אין גרינעם שיין,
זילבערט אין דער נאַכט אריין.
צויבערט נאַכט,
פלאַטערט גראָז,
שפּינט לבנה נעצן אויס.
דרימלט טייכל
וויגט זיך שטיל.
און דאָס ווינטל צערטלט קיל.
אטעמט נאַכט
אין טיפער רו,
זינגט אַ פויגל ערגיץ וואו.
זינגט און זינגט
און ווערט ניט מיד —
ס׳כשופ׳ט אויס די נאַכט א ליד.

לבנה-זילבער

לבנה גיסט אויס זילבער
פון א זילבער־בעכער.
זילבער אויף די גאסן,
זילבער אויף די דעכער.
זילבער אויף די פעלדער,
זילבער אין די וועלדער,
זילבער אויף די וועגן,
זילבער אויף די צווייגן.
ס'זילבערן די שטערן,
ס'זילבערט ווייט דער שליאך,
טראכט איך:
נאר א גאָט קען שאפן
אזא קעניגרייך.

אין קעמפּ „האָפנונג"

מוטער ערד, ווי גוט מיר איז
צו ליגן אויף דיין שויס,
טוליען זיך צו סאַמעט גרעזלאַך,
וואָס שפּראָצן קוים אַרויס;

איינזאַפּן די פרישע ריחות
פונ'ם גרינעם פעלד,
הערן ווי די זשאַבעס קוואַקן
און דער פויגל טרעלט.

הערן ווי דאָס קליינע טייכל
מורמלט אַזוי פרום,
ווי די צאַרטע וואַסער ליליען
פלאַטערן אַרום,

לאָזן מיינע באַקן גלעטן
פונ'ם לייכטן ווינט,
פילן אַזוי פריי און זאָרגלאָז
ווידער ווי אַ קינד!

ביים ים

א.

כוואַליעס שלאָגן, כוואַליעס יאָגן,
טראָגן זיך געשווינד אוועק,
קושן, האַלדזן זיך צוזאַמען,
קייקלען זיך מיט פרייד צום ברעג.
כוואַליעס שפּריצן, כוואַליעס בליצן,
חנ'דלען זיך אין ווייסן שוים,
פלעכטן כשוף קאַראַהאָדן,
שפּרייטן זילבער אפן ים.

ב.

שטיל ציט זיך דער ים,
האלב פארשלאָפן, פארטראכט;
די כוואליעס זיי צערטלען און וויגן.
באהעפט האָט זיך הימל
און ים מיט דער נאכט,
און ריכטן אָפּ חצות מיט א ניגון.
דערשראקענע ליגן
די ברעגעס ארום,
עס ציטערןביימער און בלומען.
עס ענטפערען הייזער
צנועהדיק־פרום:
ברוך הוא וברוך שמו! אמן!

ווײַנען מיר צוזאַמען

מ'האָט הײַנט געשניטן
גראָז אין פעלד,
שמעקט עס, א מחיה:
ליגן פעלדער עלנדע,
ווי נאָך א לויה.
ס'בענקט דאס פעלד,
ס'ווײַנט דאס גראָז,
מיר רופן דאָס אָן „ראָסע".
און לײַנגסטו, מענטש,
דײַן אויער נאָר צו
דו הערסט:
ס'ווײַנט אויך שטיל די קאָסע.
ס'ווײַנט דער פויגל טרילעריע,
זון פאַרגייט אין פלאַמען.
טראַכט איך:
אלע זײַנען מיר עלנדע,
ווײַנען מיר צוזאַמען.

האַרבסט

א.

דער האַרבסט איז געקומען
אַזוי ווי פאַר יאָר.
פאַרבליבן נאָך בלימלאַך
בלויז שפּעטע אַ פּאָר.
ציִען זיך בלימלאַך
צו לאַשטשענדער זון
און ציטערן ווי קינדער:
דער ווינטער קומט אָן.
שרעקט זיך ניט, ליבע,
איר וועט עלענד ניט זיין.
נעמט אויך מיך
אין אייער עלענד אריין.

ב.

געלע בלעטער אויף די פעלדער,
בייזער אסיען אין די וועלדער.
בלומען שטענגלעך — נאקעט, הויל,
ציען טעג זיך כמורנע, פויל.
גייט א רעגן
אויף די וועגן,
קומט דער אסיען
אים אנטקעגן
מיט א טארבע אין דער האנט
ערגעץ פון א ווייטן לאנד.
וואס־זשע מאכסטו גוטער־ברודער?
זייען מיר זיך טאקע ווידער.
זאג מיר בייזער, גרויער אלטער
וואס ביסטו אזא שלעכטער, קאלטער?
ברוגזסט זיך אלץ אויף דער וועלט,
ברייגנסט מיט זיך נאר ווינט און קעלט.
שאקלט אסיען מיטן קאפ,
רינען טרערן טראפ נאך טראפ.
אזא מזל האב איך שוין:
קיינער וויל מיך ניט פארשטיין.

זעט מען מיך נאך פון דער ווייט —
איז שוין טיר און טויער פארשפארט.
וואָגל איך פון לאנד צו לאנד
מיט מיין טארבע אין דער האנט.
און באגריסן מיך אצינד
קומסטו נאר, דו בייזער ווינט!

ג.

ס׳האָבן די בוימער
אין נאָענטן וואלד
באפוצט זייערע קעפ
מיט קרוינען פון גאלד.

ס׳האָבן די פעלדער
אין געל־זיידן קלייד
פארשפרייט אלע וועגן
מיט צייטיקער פרייד.

ס׳האָבן זיך טייכלעך
צעפלאפלט, צעקוועלט,
געטראגן א בשורה
צו דער ארומיקער וועלט.

דער גאלדענער הארבסט
ער קומט אויף דער וועלט,
ער קומט אויף דער וועלט.

ד.

דער ווינט האָט געריסן
דאָס גראָז היינט אין פעלד,
דאָס גראָז היינט אין פעלד.

האָט זיך דער פויגל
אין בענקשאַפט צעטרעלט.
אין בענקשאַפט צעטרעלט,

דער אסיען, דער גזלן,
ער קומט אויף דער וועלט,
ער קומט אויף דער וועלט!

ח.

כ'האָב ליב דעם אסיען,
כ'האָב ליב זיין שווער געמיט.
ס'איז אויך אין צער
פאַראַן אַ ליד.

כ'האָב ליב די בענקשאַפט,
כ'האָב ליב דעם טרויער,
געזאַנג פון אסיען
אין מיין אויער.

*   *
*

ו.

אָטיען.
ס'שטייען בוימער הויל און בלויז,
פּונקט אזוי מיין הויז.
ווינטער.
ס'יאמערט ווינט אין זיך.
פונקט ווי איך.
פרילינג.
פרייד באנייטע.
כ'קלער:
מיין פרילינג
וועט ניט קומען מער.

פאַרשעמט

מיין אויג פון צער ווערט פייכט
ווען כ׳קוק זיך צו צום בוים.
כ׳ווייס, אז אויך זיין לעבן
איז ווי מיינס — א פוסטער טרוים . . .

אט שטייט ער אויסגעפוצט,
מיט בלעטער זאפטיק־גרין,
און הינטער אים עס שטשירעט
דער אסיען זיינע ציין.

הויל וועט שטיין דאס ביימל,
פארשעמט אזוי ווי איך,
און טראגן שטיל א בענקשאפט
אין הארצן טיף בא זיך.

שפּעטע רויזן

רויטע רויזן —
פֿלאַמען פֿייער,
ליליען — ווײַס ווי שניי,
איך וועל אײַך
אויף מײַן האַרצן טראָגן
שפּעטע בלומען צוויי.
בלומען ווײַסע,
צאַרטע ליליען,
ערשט־געפֿאַל׳נער שניי.
רויטע רויזן —
פֿלאַמען פֿייער,
בלומען מײַנע צוויי.

מיין גערטנדל

האָב איך מיר א גערטענדל,
בליען בלימלעך קליינע.
וועב איך מיר אין הארצן אויס
חלומות קינדיש־ריינע.

פּוסטעוועט מיין גערטענדל
פאלן געלע בלעטער,
דאָך חלומות אלערליי
איך צערטל און פארגעטער.

מריקנט איין דאס גערטענדל,
וועלקן מיינע בלומען;
וועב איך זיך אין הארצן אלץ
האָפנונגפולע טרוימען.

אַ בלומען-טאָפּ

אין אַ קריגל ביי מיין פענצטער,
בליען בלימלאַך רויטע צוויי,
און אין דרויסן — פראָסטיק ווינטער,
אַלץ באַדעקט מיט טיפן שניי.

טראַכט איך: פּונקט אַזוי מיין לעבן,
ס'איז מיין קאָפּ באַדעקט מיט שניי;
און אין האַרצן כשופט פרילינג,
ס'בליען בלימלעך אַלערליי.

בענקשאַפט

הינדען

בענקשאַפט שלייכט זיך שטיל ארום
איבער וואלד און פעלד.
עס בענקט דער בוים, עס בענקט די בלום —
פארבענקט עס ליגט א וועלט.

עס בענקט דער פויגל אין זיין נעסט,
עס בענקט דער ווארעם קליין;
עס בענקט די זון, זי בענקט און טרייסט
אין צייט פון איר פארגיין.

ס'פלאטערט בענקשאפט אומעטום;
ס'בענקען קליין און גרויס.
פארבענקט עס וואגלט מענטש ארום
און גייט פון בענקשאפט אויס.

III

ליבע-חלום

ליבעס
חלום

אָ מתנה דיר

א.

אינגעל מיינס —
יענעם טאג ווען איך באקום
אַ בריוו פון דיר,
נעמט א פרייד מיך באלד ארום,
יום־טוב קלאפּט אין טיר . . .
אין מיין הארץ עס זיך צעבליט
א הימליש כישוף־ליד . . .
אין דיינע אותיות ווי פולע זאנגען,
מיט ברייטער האנט צעווארפן,
וויברירן דיינע גליענדע פארלאנגען,
ווי טענער אויסגעקושט פון הארפן.

ב.

קרוין מיינע —
פארוואָס, זאָג, קארגסטו מיר די בריוו?
צי האָסטו א באגריף
ווי ליב דיין וואָרט איז מיר? —

מיין איינציק ביסל פרייד!
דו ליבסטער צווישן אלע מענשן —
ווי די מילד־גוטע חנה פון אמאָל,
איז הערט מען ניט מיין קול,
אבער מיינע ליפּען זיך באַוועגן פרום,
ווי אין מאַי'ס ווינטל די איידלע בלום,
און שטיל דעם טאָג זיי בענטשן,
און אויך די נאַכט,
ווען גורל'ס ליבע האַנט
האָט אונז צענויפגעבראַכט,
כאַטש ווידער אונז צעשיידט . . .

ג.

מיין בריליאַנט,
ווען דיין בריוו מיר קומט אין האַנט,
איך ריר זיך ניט פון אָרט,
ביז כ'קוש ניט אויס זיין יעדעס וואָרט,
זיין יעדען אות,
ניט איינמאָל ווערן מיינע אויגן נאַס,
אַזוי, למשל, ווען דו נעמסט מיך בעטען,
איך זאָל דיר שטענדיג בלייבען טריי.

ס'קען דען אנדערש זיין?
איך קען נאָר דיר געערן ניט קיין צווייטן,
זיווג איז די טייטש: צוויי ניט דריי,
ס'איז דיין — מיין זעל! און אויך מיין לייב,
אייביג דיין איך בלייב,
כל זמן מיר איז באשערט
צו לעבען אויף גאט'ס ערד.

ד.

און ווען עס איז געקומען שוין צורייד,
טאָ וויים, מיין בחור, וויים באשייד,
דעם טאָג ווען איך דיין בריוו דערהאלט,
יענעם אויפדערנאכט,
ווען איך טו אוים מיין קלייד
צום שלאָפן גיין,
נאר פון דיר איך טראכט,
איך זע קלאר דיין געשטאלט,
ברכה'דיג און שיין . . .
טרערן שימערירן אין מיינע אויגן,
א געמיש פון צער און פרייד . . .
און איך גיס אוים מיין הארץ
פאר גאט אין הייסער תפילה,

עס זאָל מיר ניט חלילה
דורך אן עין הרע
אדער סתם אַ בייזן בליק
פארשטערט ווערן מיין גליק.
דערנאָך:
דיין בריוו איך לייג צוקאָפּעגס פאר א שמירה
ווי מיין זיידע — דעם „ספר־היצירה״
עס זאָל ניט אפילו
קיין מחשבה זרה
שולט זיין אויף מיר.

ה.

און ווען דאס ליכט איז אויסגעלאָשן
און איך שליס די אויגן צו —
איך לאָז דאן אויס מיין תפילה
בזה הלשון:
גרויסער גאָט אין הימל!
גאָט פון אויפרעג און פון רו,
פארנעם מיין היים געבעט.
זון, שטערן און לבנה
מיט פרייד און גרוים כונה
דיר זינגען שירה.

האסט קיין שלאף ניט, אויך קיין דרימל
דו וואכסט כסדר איבער דיין באשאף,
איבער הויכן צעדער, איידלען בלימל,
גיסט יעדען זיין באדארף,
דער פליג און אויך דעם ריז,
ווי א בעטלער אויף זיין לירע
איך בעט דיך אויף די קני:
אה גאָט! באווייז מיר דיין גענאד,
אז ווען מיין לעצטע שעה וועט קומען
זאָל איך אויסגיין מורמלענדיק זיין נאמען,
וועל איך מיט א שמייכל אף די ליפּן
אין דער אייביגקייט פארגיין . . .

ווען דו באַווייזט זיך

ווען דו באווייזט זיך אויף מיין שוועל,
מיין מאן, מיין זיווג,
נעמט א פרייד א הייליק־ליכטיקע
ארויסזינגען פון מיר.
מיינע גלידער, אָנגעלאָדענע טרויבן
שטייפן זיך, ציען זיך
צו דיר, מיין באשערטער.
באגערן כשר'ע,
ווי מילך־זויגלינגען ריינע,
גייען אויף אין מיין לייב.
איך שטיי א פארגאפטע.
מיין הארץ פלאטערט
ווי א צעשראקענער פויגל:
— נעם מיך, איך גיי!
דיינע אויגן — קוואלן פרייד;
זאָל טריפן אויף מיין לייב
דיין גליק.
דעק מיך מיט דיין פליגל צו —
גאט איז מיט מיר!

פון זילבער קוואַל

מיין יניקה ציה איך פון זילבער קוואַל,
דעם קוואַל פון ליבע.
דערפאַר זענען מיינע טעג
אי גליקלעכע, אי טריבע . . .
אמאָל דאכט מיר:
איך בין קעניגין פון דער וועלט,
און אמאָל בין איך בעטלערין —
קיין הויז ניט, קיין געצעלט,

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז א שעה צו א שעה ניט גלייך.
אין חלומות בין איך שטענדיק רייך.

פרעגסט מיך . . .

(פאָלק מאָטיוו)

דו פרעגסט מיך, מיין ליבסטער,
וואָס כ'ליב אין דיר מער:
צי איז עס דיין שמייכל,
צי איז עס דיין טרער?
כ'לעבן איך ווייס ניט!
האָב ליב אין דיר אלץ,
דיין צוקער, דיין האניק,
אזוי ווי דיין זאלץ . . .
האָב ליב דיינע לאקן,
געקרויזט ווילד און שווארץ,
דיין בלאסן פנים,
דיין הייס גוט הארץ.
האָב ליב דיינע אויגן,
דיין הארציקן בליק,
וואָס פינקלט מיט ליבע —
דער קוואל פון מיין גליק.
איך ליב אויך די קנייטשן,
מיט חכמה פארזייט,

אויף דיין שטערן דעם הויכן,
די זוימן פון לייד.
איך קוש דיינע פּוס־טריט —
ס'איז הייליק די ערד!
כ'וועל ליידן מיט דיר, אויב
דיר'ז ליידן באַשערט.

*   *
*

שטיל און טונקל
אין מיין צימער,
און אין שאָטן דיין געזיכט.
אין מיין הארצן
קאַלט און לער,
ווי מיין לעבן צאַנקט אַ ליכט.

צאַנקט אַ ליכט,
עס צאַנקט און לעשט זיך,
און ס'פאַרשווינדט באַלד דיין געזיכט.
טראַכט איך: ליבער,
האָסט פאַרלאָזן —
צאַנקט מיין לעבן ווי דאָס ליכט.

שיכור

מיין גאנג לעבן דיר איז א כשוף־בריק.
איך בין שכור היינט פון גליק.
מיין הארץ גייט אזש איבער
פון מיין פרייד.
וואו נעמט מען
אזעלכע רייד
איך זאָל קענען דערציילן דיר
פון מיין נשמה־פרייד?
שווער:
מיר וועלן קיינמאָל מער
ניט זיין צעשיידט,
געליבטער מיינער.

מיט זון אױף מײנע ברעמען

איך גײ מיט זון אױף מײנע ברעמען
דיר אנטקעגן,
צו באַלײכטן דײנע גרױע װעגן.
כ׳טראָג אײביג געזאַנג
פון פרילינג אין מיר
א מתנה דיר.
טאָ נעם מיך,
האָב מיך ליב,
פלעכט פון צװײגן מיר א שטוב;
בעט פון גראָז מיר אױס א נעסט,
האָב נישט מורא פאר קײן פרעסט!

— — — — — — — — — — — — —

װאו מיר װעלן בײדע זײן
דאָרט װעט אײביק פרילינג זײן.

דו קושסט אזוי פרום

עס גליט נאך מיין ליב,
דו האסט עס געגלעט,
מיין האנט איז מיר ליב —
דו האסט זי געקושט.
מיין אויג בליצט מיט ליכט,
עס שפיגלט דיין בליק.
געזאנג קלינגט אין אויער,
דער קלאנג פון דיין שטים,
בורשטין ריין — דיין מויל,
דו קושט אזוי פרום.

דו ביסט . . .

דיין וואָרט — דאָס ברויט וואָס כ׳עס,
דיין בליק — א קוואל פון פרייד.
דיין אָטעם מיך באַרוישט.
דיין צערטל־זייד צעגליט מײַן בלוט.
דו ביסט די לופט
וואָס כ׳אָטעם —
דאָס לעבן מיינס ביסטו!

ליד

ליבסטער,
דו ביסט דער ריטם פון מיין ליד,
דער זין פון מיין יעדן וואָרט.
דו פלאַטערסט אין מיין פערז.
דו ביסט דאָס ליד.

באַפֿעל, מײַן האַר

איך שווער בײַ גאָט,
מײַן טאָג, מײַן נאַכט
געערן אײַנגאַנצן דיר.
איך לעב פֿאַר דיר.
אין יעדן מײַן געדאַנק
ציטערט אַ געבעט פֿאַר דיר.
באַפֿעל, מײַן האַר:
שנײַד איך אויס מײַן האַרץ
און ברײַנג עס דיר.

מאָרגן אַנטקעגן

גיב מיר דיין האַנט
און פיר מיך צוריק.
לאָמיר באַנייען
דאָס פאַרלוירענע גליק.

זיי ווי די וועגן
שפּרייטן זיך פריי.
לאָמיר אָנהויבן
דעם גאַנג אויף דאָס ניי.

לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
אויף זוניקע וועגן
דעם מאָרגן אַנטקעגן,
דעם מאָרגן אַנטקעגן.

מיין ליבסטער

יעדעס בוימעל,
יעדעס פּיצעל גראָז,
יעדעס בלימל,
יעדער ווינטל בלאָז
רופט צו מיר פון דיר,
מיין ליבסטער.

יעדע זילבער נאכט,
יעדער מאָרגן־פרי,
יעדער פלאטער בלויז
פון א פויגל־פלי,
ברייננגען מיר א גרוס פון דיר,
מיין ליבסטער.

גאָט איז מיט מיר

ס'האָט כביכול זיך באַזעצט אין מיין שטוב,
דאָ איז קדשי־קדשים, ווייל איך האָב ליב.

וואָס קענסטו, מענש מיר טאָן?
האָסט קיין שליטה ניט אויף מיר, —
גאָט איז מיט מיר.

קענסט אויפהייננען שלעסער,
פאַרריגלען די טיר,
אָבער ניט מיין האַרץ;
עס געהערט נאָר מיר.

וואָס קענסטו, מענטש, מיר טאָן?
כ'האָב קיין מורא ניט פאַר דיר, —
גאָט איז מיט מיר.

אַף די ליפּן

אַף די ליפּן מיינע קאַרשיק
גליען דיינע קושן.
אייביק, אייביק בלייבט פאַרזיגלט
אין מיין ליב דיין פרייד—
זאָג פאַרוואָס, אַ ליבער,
זענען מיר צושיידט?
אויף די באַקן מיינע רויזיק
שפּילן דיינע גלעטן;
אין די אויגן מיינע
שטיל שפּיגלט זיך דיין בליק —
זאָג: איך בעט דיך, ליבער,
קומסטו ווען צוריק?

חלום אויף דער וואַר

אין דרויסן טריפט א דריבנער רעגן,
דער אָסיען ווילד ער קלאפּט אין טיר.
גע זיך ווייטער, בייזער אסיען!
ס'איז דאך פרילינג היינט בא מיר.
זע ווי ליכטיק ס'איז מיין צימער,
ס'האָט א זון זיך היינט צושטראַלט.
כ'האָב מיין בעט מיט ווייס באַצווינגן,
ס'וועט מיין ליבער קומען באַלד.
אָט, איך זע אים שוין פון ווייטן.
שוין איך הער די לייכטע טריט.
קום, מיין ליבער, קוש מיך, האַלז מיך!
כ'בין פון בענקשאַפט אזוי מיד.
דריק מיך, ליבער, צו דיין האַרצן,
לאַשטשע, צערטל מיינע האָר!
קוש די ליפּן מיינע, ליבער!
כ'זע מיין חלום אויף דער וואַר . . .

אַ סערענאַדע

עס זינגט די גאנצע וועלט א סערענאַדע מיר אנטקעגען.
מיט פרייד זענען פול מיינע וועגן.
זונען גייען אויף פאר מיר —
אלעס רעדט צו מיר פון דיר.
דער שטאדטישער וואקזאל, די באַן,
אפילו דער רעסטאראן,
פרעגן מיך אויף דיר.
ווי א וויינטרויב מיט זאפט בין איך פול מיט פרייד.
מיין וועש, מיין זיידן קלייד —
אלעס רעדט צו מיר פון דיר . . .
אז וואויל איז מיר,
איך זע דיך שטענדיק פאר מיינע אויגן.

דיין

איך בין דיין,
אינגאנצן דיין,
מיין גוף און מיין נשמה, —
אלץ איז דיין,
איך געהער דיר,
אלץ געהער דיר:
מיין טאָג, מיין נאכט,
מיין געדאנק וואס כ׳טראכט,
יעדער פינטל פון מיין אויג,
יעדער ריר, יעדער בויג
געהער דיר,
מיין פרייד, מיין לייד
פון דיר, צוליב דיר.

* *
*

קומסט און גייסט אוועק,
מיט מיין צער לאָזטו מיך אליין.
כ'טראַכט און קען עס ניט פאַרשטיין,
איז דאָס אַ ליבע אַזאַ?

ווער בין איך?
איך בין אַן אַנדערע.
מיין לעצטן ביסן ברויט,
איך נעם פון מויל און וואַרף
דיין הונגעריקן הונט.

מיין העמד פון לייב איך גיב דיר אָפּ,
נעם צוריים און פּוץ מיט דעם דיר אויס
דיינע אָפּגעטראַטענע שיך.
זאָג, ווער ביסטו?

ביסטו מכשף, צי איך בין נאר,
וואָס אין דיין האַנט
לאָז איך מיין פרייד
און אויך מיין צער.

כ'בלאַנקע זיך ארום אַ פאַרוווירטע שאָף;
כ'טראַכט און קען עס ניט פאַרשטיין:
איז דאָס אַ זכות צי גאר אַ שטראָף?
איך? איך בין אַ מאָדנע אַזאַ . . .

איך שווער

(פאָלק מאָטיוו)

איך שווער דיר בּאַ אַלץ וואָס מיר ליב איז,
איך שווער דיר בּאַ אַלץ וואָס איז טייער,
וועל קיינעם א פונק ניט אפּגעבן,
פאַר דיר נאר וועל האלטן מיין פייער.
איך שווער דיר ביי אלץ וואס איז הייליק,
איך שווער דיר מיט ריינעם געוויסן,
מיין האניק וועל טראָפּ צו טראָפּ זאמלען,
דאס לעבן נאר דיר צו פארזיסן.
איך שווער דיר, ביי אלץ וואס איז הייליק,
איך שווער דיר, און גאָט זאָל מיך שטראָפן,
אויב כוועל יאָרן לאנג נישט זיצן אוןווארטן,
ווארטן אַף דיר אלץ און האָפן.
איך שווער דיר, ביי לבנה און שטערן,
איך שווער דיר מיט יעטוועדן אבר,
קוים ווּעסטו, מיין ליבסטער, ניט קומען,
א ריינע וועל איך נידערן אין קבר.

קיין רו

דו האָסט מיר דעם ערשטן געטלאַכן פונק געבראַכט.
און האסט מיין איינגעשלאָפן הארץ אויפגעוואכט.

דו האָסט מיין בלוט אין פייער געצונדן.
און מיט געזאנג געהיילט מיינע וואונדן.

דו האסט פאר מיר געבויט פּרעכטיקע געצעלטן.
און האָסט מיך דערהויבן צו פאנטאסטיש בלויע וועלטן.

דו האָסט פאר מיר אנטפּלעקט גאלד'נע כשוף־זונען.
און האָסט פאר מיין נשמה קיין רו דאָך ניט געפונען.

אין פורפורנע שלייערס

אין פורפורנע שלייערס
אנטפּלעקסט זיך פאַר מיר
אין בלויליכן, צאַרטן פרימאָרגן.
האָסט קינדערשע
גאָלדענע אוצרות און שיעור
טיף אין מיין האַרצן פאַרבאָרגן.
האָסט זיידענע סטעזשקעס
פאַר מיר אויסגעשפּרייט,
מיט סאַמעט־גרין פעלדער באַזוימטע.
האָסט זילבערנע שטערן אין הימל פאַרזייט,
מיט הימלען טיף־בלויע, פאַרטרוימטע.
האָסט כשוף פּאַלאַצן
פאַר מיר אויפגעשטעלט
פון מאַרמאָר פון ווייסן געגאָסן.
מיט דופטענדע בלומען
באַצירט מיין געצעלט,
מיט זילבערנע טייכלאַך וואָס פליסן.

האָסט ליבעס־אקאָרדן
פֿאַר מיר אויסגעשפּילט
מיט הימלש־פֿאַרכשופֿטע קלאַנגען.
האָסט מיין נשמה אין אומעט פֿארהילט,
און האָסט זי אויף אייביק געפֿאַנגען.

אונטער איין דאך

איך טראכט:
ווי גוט וואלט מיר געווען
ווען מיר לעבן ביידע אונטער איין דאך.
איך וואָלט מיט פרייד
דיין טיש געגרייט,
דיין וועש פאַרריכט,
פארפראוועט דיין געריכט,
דיין בעט פאר דיר געמאכט,
און דו —
דו וואלסט מיר א מעשה׳לע דערציילט,
א ליד פאר מיר געזונגען,
איך וואָלט מיט אויגן אפענע
דיין יעדעס ווארט געשלונגען.
אך!
ווי גוט וואלט מיר געווען
ווען מיר לעבן ביידע אונטער איין דאך!

עלנד

איך בין אזוי עלנד, מיין ליבסטער;
איך בין אזוי עלנד אָן דיר.
ס׳האָבן מענטשן מיר גליק ניט פארגינען
און האָבן פאריגלט דיין טיר.

איך בין אזוי עלנד, מיין ליבסטער,
איך בין אזוי עלנד און מיד.
די איינציקע טרייסט אין מיין לעבן
ביסטו אין מיין איינזאמן ליד.

ווערסט קומען

כ׳ווייס דו ווערסט קומען צו מיר
קלאפּן אין טיר,
זיך שלאָגן אין האַרצן על חטא.
ליבסטער, כ׳האָב מורא ווערסט קומען צו שפּעט.
כ׳ווייס: ס׳וועט מיין האַרץ,
מיין פאַרבענקט, אָרים האַרץ,
ניט אויסהאַלטן קענען דעם צער.
ווערסט קומען צו מיר,
קלאפּן אין טיר,
דאַנק איך שוין גאָט אויך דערפאַר.

כ׳צייל די טעג

כ׳צייל די טעג, די שעהן און מינוטן.
צי האסטו מיך אף א צוווייטער אויסגעביטען,
ליבסטער מיינער?
ווי א שאָטן בא מיין טיר איך וועל שטיין
ביז איך וועל אין איינזאמקייט פארגיין,
ליבסטער מיינער.

באַ מיר . . .

ביסט אין איילעניש אוועק
אָן אַ זיי געזונט.
אבער קלוגער מיינער דו,
פארגעסן האָסטו
דיין הארץ באַ מיר,
באַ מיר.
איצט שטייסטו ווי א בעטלער
באַ אַ פרעמדער טיר.
בעטלסט א ליב ווארט,
א גלעט, א קוש.
איך ווייס: דו קענסט ניט ליבן מער,
האָב איך מיטלייד
נאר אף דיר.
ווייל דיין הארץ פארבליבן איז באַ מיר,
באַ מיר.

צעשיידט

יעדעס מאָל ווען איך עפן מיינע אויגן אויף
און איך פאַרנעם די שיינקייט פון דער וועלט,
טראַכט איך: גאָט דו אַלמעכטיקער!
באַשעפער פון די וועלטן.
גאָט פון צער און פון פרייד,
פאַרוואָס בין איך מיט אים צעשיידט?

יעדעס מאָל ווען מיין אויער פאַרנעמט
די צאַרטע טענער פון מוזיק,
טראַכט איך: גאָט דו אַלמעכטיקער!
גאָט פון אויפברויז און פון רו.
דו דרינגסט אריין אין מענטשלאַכע נשמות,
דו זעסט יעדנס צער און יעדנס פרייד,
זאָג:
פאַרוואָס בין איך מיט אים צעשיידט?

כ׳האָב געמיינט

כ׳האָב געמיינט כ׳וועל פאַרקניפּן מיין גורל מיט דיינעם,
מיר וועלן האָבן איין וועלט און איין פרייד.
ס׳האָט דאָס לעבן געגאַרט מיך, מיין ליבער.
מיר ווערן פאַרפרעמדט און צעשיידט.
ס׳האָט מיך דאָס לעבן פאַרוואונדעט, צעשלאָגן,
און דו ביסט פון מיר אַזוי ווייט.
טאָ ווער זאָל אַ טרייסט־וואָרט מיר זאָגן
און ווער זאָל איצט שטיין בײַ מיין זייט?
כ׳האָב געמיינט מיין גליק וועט דויערן אייביק,
אונזער לעבן וועט זיין פאַרביק און שיין.
ס׳האָט דאָס לעבן גענאַרט מיך, מיין ליבער;
וואָגל איך, ליבסטער, אַליין.

צעריים אַ האַרץ

כ'האָב געמיינט
איך וועל אין דיר פאַרגעסן.
מ'מוז פאַרגעסן
אַלעס וואָס איז טויט.
צום סוף
ביסטו מיר געוואָרן
— מיין זאַלץ און ברויט.
כ'האָב געמיינט
איך וועל זיך מיט דיר שיידן,
דו וועסט מיר ווערן ווייט און פרעמד.
צום סוף
ביסטו נאָענט מיר געוואָרן,
ווי צו מיין לייב דאָס העמד.
כ'האָב געמיינט
איך וועל אין דיר פאַרגעסן.
צום סוף
ביסטו וואו איך שטיי און גיי.
איך וואָלט וועלן
פון האַרץ דיך אַרויסרייסן,
כאָטש נעם צעריים אַ האַרץ אויף צוויי.

אַן עלנדע אַזאַ

גיי, לאָז צורו!
כ'בין אַן עלנדע אַזאַ.
דיר איז גוט ווי די וועלט.
האָסט כבוד,
נחת,
געלט.
און איך, איך בין אַן אָרימע אַזאַ.
מ'שטיינס געזאָגט,
מיין גאַנץ פאַרמעג!
מיין אָרים וואָרט,
מיין איינזאַם ליד,
א קרעכץ, א טרער —
קיין זאַך ניט מער,
טא לאָז צורו!
כ'בין אַן עלענדע אַזאַ . . .

כ׳וואַרט אויף דיר

מיין הויז שטייט עלנד,
וואַרט אויף דיר.
מיין שוועל איז אַ פאַרבענקטע.
אויף מיין קישן
קנייטשט זיך פרום
בענקשאַפט אַ פאַרשעמטע.
מיין קלייד אין שראַנק
פאַרצווייפלט הענגט
און וואַרט אַז דו זאָלסט קומען.
מיין טיש, מיין בעט,
זיי שטרעקן הענט
און רופן דיך ביים נאָמען.

ליבע-קראַנק

(נאָך שיר השירים)

איך באשווער אייך מיט א שבועה,
פרומע טעכטער פון ישראל,
ווי באשווארן האָט שולמית,
אירע שוועסטער, פון אמאל.
אפשר וועט איר אים וואו טרעפן
בא א יונגפרוי, פול געזאנג,
שיקט אים אפּ צו מיר, אָ, שוועסטער!
ווייל איך בין פון ליבע קראנק.

* *
*

נו, אז דער צער פונ'ם לעבן איז גרויס,
עס וועלקן חלומות, ווי אין אסיען די רויז,
טאָ וואָס זאָל מען טאָן?
טאָ וואָס זאָל מען טאָן?

און אַז דאָס הארץ דיינס ברעכט זיך אַף צוויי,
עס ברענען די וואונדען און עס טוט אזוי ווײ,
טאָ וואָס זאָל מען טאָן?
טאָ וואָס זאָל מען טאָן?

נו, אַז אויך דו פאַרגינסט ניט קיין גליק,
ציכט ארום האַלז נאך שטארקער דעם שטריק,
טאָ וואָס זאָל איך טאָן?
טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

און אַז איך וויים, אז איך בין גערעכט,
דו האָסט מיך אין קייטן פון ליבע פאַרקנעכט,
טאָ וואָס זאָל איך טאָן?
טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

קום, איך וואַרט!

קום, נעם אָפּ די פרייד,
פאַרזיגלט אין מיין לייב
כשר און הייליק —
קום!
מיין טיר שטייט אָפן
וואַרט אויף דיר.
ביזט פאַר מיר
ווי טוי פאַר בלום.
קום!
איך וואַרט.
מיין שוועל וואַרט
אויף דיינע טריט די פרומע,
וואָס הילכן שטיל אָפּ אין מיר.
קום!
כ׳שווער: פאַר דיר בלויז בין איך באַשאַפן,
כ׳בין דיינע פון ששת ימי בראשית,
און ביז צום לעצטן טריט פון לעבן
כ׳וועל מיין גאַנצע פרייד דיר געבן.
קום!
איך וואַרט.

האָסט מיך פאַרשעמט

דו האסט מיך פארשעמט,
פאר גאט און פאר לייט.
דו האסט מיך באליידיקט, פארשטויסן.
נאך ביסטו מיר נאָענט,
כאָטש ביסט פון מיר ווייט —
מיט זיבן שלעסער מיין צער כ'האָב פארשלאָסן.
דו האסט מיך פארשעמט,
האָט מענטש מיך פארשעמט.
ס'יאגן זיך שארף־קאלטע שרעקן.
דו האָסט מיך פארגעסן,
האָט גאָט מיך פארגעסן.
צו וועמען זאָל איך
מיינע הענט איצט אויסשטרעקן?

כ׳ווייס

כ׳ווייס מיין הארץ וועט שוין גאנץ ניט ווערן
ס׳איז נאר א שאָד מיינע טרערן.
מיין גורל ליגט פארחתמעט אין דיין האַנט.
אה, ווען איך וואלט קענען פּאָלגן מיין פארשטאנד!
איך וואָלט מיט ריינעם געוויסן
דיך פון זיך ארויסגעריסן,
געטראָטן אויף מיין הארץ,
ווי אויף פארוויאנעט ביסל גראָז.
אה, ווען איך וואָלט קענען זיין
מיין אייגענער באַלעבאָס!

בענקענדיק

ווען איך זיך אין הארץ א חלום
פון פורפור־ראזעווען קאליר.
הויב איך אויף מיין אויג צום הימל,
גייען זונען אויף פאר מיר.

שמייכלט א פארלאנג אנטקעגן,
קינדיש־ריין און הימליש־בלוי;
שלאָגן קוואלן פרייד אין הארצן,
בענקענדיק נאך דיר אזוי.

*   *
*

וועז מיין טאג, א קבצנישער,
גייט פאַרביי מיין טיר,
און איך בלייב פארשלאָסן
אין מיינע אייגענע פיר ווענט —
הויב איך אויף צו גאט מיינע אויסגעבליכטע הענט
און דאנק אים פאר זיין חסד —
ער האָט ניט פארשעמט מיין טיר —
ער האָט דיך כאטש איינמאָל
געבראכט צו מיר.

אין יענע נעכט

אין יענע נעכט,
ווען דו פלעגסט זיך נאר באווייזן
אויף מיין שוועל,
פלעג איך טיר און טויער פאריגלן,
אלע שלעסער פארזיגלן,
און דאך —
בא יעדן קלענסטן שארך
קוקן א צושראקענע צום טיר . . .
איצט שטייען מיינע טירן אפן,
מיין שוועל אן עלענדע, פארוויסטע,
מיין הויז ווי א קרעטשמע א פוסטע,
פון קיין מענטש ס'הערט זיך ניט קיין שטים;
בלויז א פרעמדער ווינט
וואגלט דא ארום.
איך טראכט:
צו וואס א שלאס, א טיר,
אז דו קומסט ניט מער צו מיר? . . .

יענע נאַכט

איך בין געקומען צום ערשטן מאָל אין דיין שטוב,
געזען דיין בעט, דיין שטול,
דיינע ביכער צעוואָרפן אויפן דיל,
פּאַפּירן פאַרשידענע, א גאַזעט,
אויף דיין שרייב טיש.
כ׳האָב געבעט דיין בעט,
עס באַצויגן פריש.
דו האסט איינגעדרימלט
אזוי רואיק מיד.
כ׳האָב אויף דיר געקוקט.
ביסט מיר געווען אזוי נאָענט, ליב.
כ׳האָב אנגעשריבן א פערז, א ליד,
כ׳האָב איבערגעלייענט עטליכע און צוואַנציק בלעטלעך
פון איזאַדאָראַ דאַנקאַנ׳ס בוך,
פאַרויכערט א סיגאַרעטל
און געקוקט אזוי פאַר זיך.
איך טראַכט:
ווי א חלום איז פאַרשוואונדן יענע נאַכט.

נעכטן ערשט

ערשט נעכטן, מיר דוכט זיך,
איז עס געווען;
ערשט נעכטן,
און אפשר פאר יארן.
מיר האָבן זיך ביידע
געטראָפן אין באַן
און זענען צוזאמען געפארן.
מיר זענען געפלויגן
אויף שניי־ווייסע פליגל.
געפלויגן
און אפשר געפארן?
ערשט נעכטן ס׳דוכט מיר
איז עס געשען
ערשט נעכטן,
און אפשר שוין יאָרן?

ליבסטער . . .

ליבסטער,
כ'האָב מורא ביסט מיט מיר שוין זאַט,
טאָ לאָמיר אפּשליסן אַ בלאַט,
דאָס שענסטע אין מיין לעבן.
דו האָסט מיר אַזוי פיל פרייד געגעבן.
איצט קענסטו דיר שוין גיין,
דו לאָזסט מיך ניט אליין. —
איך טראָג מיט זיך אַ הערליכע מתנה.
ס'האָט גאָט אַ זכרון מיר געגעבן —
וועט סטייען פרייד אויף מיין גאַנצן לעבן.
איך האָב קוראַזש,
איך לאָז דיך פריי.
קענסט אנהויבן דיין לעבן
אויפדאָסניי.

װאו ביסטו?

פרימארגן בלױקײט
גיסט זיך דורכן פענצטער.
אין די װינקלען
ראנגלט זיך די נאכט.
כ'ליג נאך אלץ
מיט אױגן אפענע און טראכט:
זין פון מײן לעבן,
װאו ביסטו?
מײנע דארע פינגער,
צען פראגע צײכנס,
פרעגן:
ליכט פון מײנע אױגן,
װאו ביסטו?

אַ טאָג בלויז

. . . און איז שוין דער חודש
פּעווראַל באַלד אוועק,
איין טאָג בלויז
איז אינגאַנצן פאַרבליבן.
כ׳האָב נאָך פון דיר
קיין וואָרט ניט געהערט,
דו האָסט ניט אַ שורה געשריבן.
צעל איך
אַ יעדוועדער טאָג,
יעדע שעה,
דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט געשריבן!
ס׳איז שוין דער חודש פּעווראַל
באַלד אוועק,
איין טאָג בלויז
איז אינגאַנצן פאַרבליבן.

אַזוי איז דאָס לעבן

איין האנט פארזייט,
אַ צווייטע שניידט,
דאס פאלקס־ווערטל חזרט זיך איבער . . .
איז אזוי דאָס לעבן, מיין ליבער?

איינער בויט —
א צווייטער וואוינט;
בלייבן פאַרלאָנגגן פאַרגליווערט אין שטיבער . . .
אזוי איז דאס לעבן, מיין ליבער.

טאַ זיי מיר אַ ברודער ...

... טאָ זיי מיר א ברודער,
צי ווילסטו?
גלעט מיך מיט א כשרער האנט.
איך בין אזוי עלענד, מיין ליבער.
צי קענסטו
מיר זיין אויך א פריינט?
וויין אויף מיין צער.
צי ווילסטו?
פאר דיר איך אנטפּלעק דאך מיין וואונד.
טרייסט מיך, מיין ליבער,
צי קענסטו?
ווי א מאמע א געטרייע איר קינד.

IV

עליזה גרינבלאַט — לעבן מיינס

ניי לעבן

אונדזערע חלוצים

דאס
נייע
לעבן

מוטערלאנד

א.

ניט שטאַרבן קום איך צו דיר,
מיין מוטערלאנד,
נאר אויפגיין און ניי לעבן שאַפן,
מיט מיין שטארקער האנט.
שיפן וועל איך ברייגגען צו דיין האַפן.
דיינע זומפן וועל איך טרוקענען
מיט מיין אטעם־היים.
דיינע פעלדער אנזויגן מיט מיין שוויים.
איך וועל מיין הארץ א מתנה
פאר דיינע פיס לייגן —
מיט פרייד וועל איך פלאסטערן דיינע וועגן.
איך שטיי פאר דיר א פארשולדיקט קינד,
גרוים זענען מיינע זינד.
האָב יארן לאנג אין דיר פארגעסן,
באַ פרעמדע טישן אלץ געזעסן,
פרעמדע ערד געאקערט,
פאר פרעמדע געטער געפלאקערט,
אַ פרעמדן חלום געשפינט,
טאַ זיי מיר מוחל אצינד.
וואָס טוט ניט א מאַמע פאר איר קינד?
זע, א גאנצער דור איז באקערט,

גרייט צו זעטיקן מיט זיין בלוט דיין ערד,
פעלדער זייען, גערטנער פלאנצן
פון וויין און מאראנצן
מיט געזאנג און פרייד.
איך שווער:
מיר וועלן קיינמאל מער
ניט זיין צושיידט.
אפילו ניט דער טויט
וועט מיך אפרייסן פון דיר.
לאנד, מיין מוטערלאנד!
שטרעק אויס דיין צארטע האנט
און נעם מיך אויף אין דיין געצעלט.
ניט שטארבן קום איך צו דיר,
נאר אויפגיין און אויפבליען אין דיר
און נייע לעבן שאפן.
ווען וועל איך פלאסטערן
מיט מיין שטארקער האנט
און שיפן וועל איך בויען
בא דיין האפן.

שוועסטער מיינע

(די חלוצות געווידמעט)

שוועסטער מיינע, דו חלוצה,
ווער בין איך אנטקעגן דיר?
דו, א קעניגין א שטאָלצע,
און איך — א בעטלערין ביים טיר.
דו, א בויערין א בראווע,
מיט דיין בלוט פארזייסט דאס לאנד;
בויסט הייזער, פלאסטערסט וועגן,
אלעם מיט דיין כשוף האנט.
און איך — איך בין די רייכע שוועסטער,
ווארף דיר בלויז א גראָשן צו,
ניין, עס איז ניט אמת, שוועסטער,
איך בין ארים, רייך ביסטו.
דו פארגרייטסט פאר אונז א צוקונפט,
ארבעטסט שטענדיק, ווערסט ניט מיד,
אויף דיין אקסל טויזענד זארגן,
פון דיין ליפּ עס פליסט א ליד.
און איך, איך בין אין גלות, שוועסטער,
פון דער וויט איך הער דיין רוף.

כ׳שווער, מיין הארץ עס איז אין מזרח,
כאטש אין גלות איז מיין גוף.
פרעמד איז מיר דאָ אַלעס, שוועסטער,
ס׳ציט מיין לעבן גרוי און שווער,
העלף איך וועבן דיר דיין חלום,
און באזוים אים מיט מיין טרער.
שוועסטער מיינע, פּיאנערן,
ווער בין איך אנטקעגן דיר?
דו, א בויערן, אַ שטאָלצע,
און איך — אַ בעטלערן באַם טיר.

טאַכטער פון מיין לאַנד

(חנה טשיזשיקן)

. . . געבענטשטע טאַכטער פון מיין לאַנד,
איך האָב געדריקט דיין האַנט,
ווי בראַנז ברוין, רואיק און אויך שטאַרק,
געשטאַרקט, בארואיקט און געברוינט
דורך שווערע ארבעטס־טעג אין פעלד
אין טאָל און אויף דעם באַרג,
און דורך ליבע נעכט אין צעלט,
מיט גראָז און בוימער גרין באַזוימט . . .
האָב לאַנג געקוקט אויף דיין געזיכט,
באַגאָסען פול מיט ליכט,
אויסגעקושט פון אונזער זון מיט פרייד
און אויסגעברוינט ווי אויסגעבאַקען ברויט,
דיין פּנים האָט באַשיידן מיר דערציילט
פון ראַנגלען זיך מיט לעבן און מיט טויט.
דו האָסט אליין דעם שווערן וועג געוויילט,
אין אים געפונען גאָר דיין גליק,
עס שיינט אין דיינע אויגן העל דער זיג . . .
איך האָב זעטיקן ניט געקענט מיין בליק.
איך האָב געטראַכט:

עס האָט באַוויזן זיך אין פולן פראַכט
ניט בלויז א גלגול פון יהודית, נאר זי אליין,
געשטרעקט, געשטאַרקט און פול מיט חן.
אויף יהודה׳ס בערג, אויף אונזער ערד
א העלער שטערן אין א שטאַק פינצטערער נאַכט . . .
איך בין לאַנג געשטאַנען, זיך צוגעהערט
צו דער בשורה וואס האָסט געבראַכט,
איך האָב געשלונגען דיינע ניט־פאַרפוצטע רייד,
פון אונזער לאַנד א גרוס!
מיין האַרץ געציטערט האָט פאַר פרייד:
עס בליען דערפער אויף און שטעט,
ווי דורך א כשוף האַנט,
אויף דעם צעגליטן זאַמד,
ווי אויף דעם פרייען פעלד דאָס גראָז . . .
זיי צויבערען דאָס אויג ווי די בלומען־קרענץ,
וואָס וואַקסן הפקר אויף די וועגן
אין אונזער לאַנד,
און ריטמיש זיך באַוועגן
אין ווילדע פאַרבן טענץ
צו יעדן ווינטל׳ס בלאָז . . .
עס ברענט אין אייגן פעלד די ארבייט היים
עס ווערט דער באָדן פול געזעמיקט

מיט פּראַצע שוויים . . .
דיין גרוס האָט אויף מיר געטאָן א וויי
מיט פרישן קארן, מיט זאַפטיק היי,
מיט ריחות פון מאראנצן און פון טרויבן,
מיט ברען פון טיפן גלויבן,
איך האָב געפרייט זיך און געשעמט
פאר דיר, דו קינד פון אונזער פעלד.
מיר האָבן דא א גרויסע, רייכע וועלט,
פריי צעלייגט מיט ברייטער האנט,
דאָס הארץ איז אָבער לעער.
עס שלעפן זיך די טעג און פאַלן שווער,
געקלונגן האָבן לאנג אין מיינע אויערן דיינע רייד,
די שפּראך פון בוימער און פון פויגל,
איך האָב געשעמט זיך מיט מיין זיידן קלייד,
מיט מיינע פארביג מאניקירטע נעגעל,
איך האָב געשעמט זיך און געפרייט
דו ביזט א טרייסט אין אונזער לייד,
איך האָב געדריקט דיין האנט,
געהערט דעם פרייען ריטם פון דיין בלוט,
דו ביזט הארמאנישער געמיש
פון יהודית און פון רות —
דו פרייע טאכטער פון מיין לאנד!

שלח מנות דיר

ס'איז פורים בא אונז היינט,
העי, חלוץ מיין פריינט!
וואס פאר א מתנה
זאָל איך דיר היינט ברייננגען?
פלעכטן דיר א בלומען־קראנץ?
וואקסן ניט קיין בלומען אף מיין וועג.
ג'שטיינס געזאגט,
וואס סאיז אינגאנצן
אין גלות מיין פארמעג —
א זיפץ, א טרער . . .
וואָלט איך דיר מיין הארץ,
א צאפלדיקס דערלאנגן,
איז עס פון צער שווער.
וועל איך אנגורטן די לענדן,
פארשטייפן מיין פויסט,
זיין דער אנשפאר
פאר דיינע אויסגעברוינטע אקסלן,
וואָס ווייסן ניט פון קיין געפאר.
וואָס? ס'איז מיין גוף צו שוואך און דאר?

טאָ לאָז מיך זײַן באַ דיר און קיך
וואַשן דײַנע וועש,
פּאַטראַוועס מאַכן דיר
פון דײַן דאַרן ביסן ברויט.
איך וואָלט גערן זײַן אַ דינסט באַ דיר.
שטרעק איך מײַנע הענט
צו דיר און בעט,
כ'האָב מורא, באַלד וועט ווערן שפּעט.
מײַן לעבן וועט פאַרגיין,
וואַכעדיק אַזוי.
זע, עס הויבן אָן די האָר
שוין ווערן גרוי.
און עס האָט זיך נאָך מײַן האַנט
ניט באַהעפט מיט דיר, מײַן לאַנד,
אוי ווײ.
זע איך דיך אַלץ, שטענדיק,
אין מײַן חלום און אויף דער וואַך.
קלינגט צו מיר דײַן חלוץ ליד
ווי נביאים שפּראַך.

מיר שמעקן דיינע פעלדער
מיט בשמים דופט,
און אינערליכער כוח,
שוין טויזנטער יאָר אַלט,
מיך לאָקט און רופט:
קום!
וועל איך לאָזן זיך אין וועג
און ניט ווערן מיד.
וועל ברייננגען א מתנה דיר —
מיין ליד.
וועל אפווישן פון ברעם מיין טרער,
אראפּוואַרפן דעם שטויב
פון מיין גלות קלייד
און אנפילן דעם טרערן־כוס
מיט פרייד.
איך קום צו דיר, איך שווער!
טאָ לאָמיר פרייליך זיין!
פיל־אָן דעם כוס מיט וויין!
ס'איז פורים באַ אונז היינט,
העי, חלוץ מיין פריינט! . . .

V

עליזה גרינבלאַט — לעבן מיינס

מיניקע

מײַן שטעטל אָזאַרעניץ

.א

מײַן שטעטל אינגאַנצן
א שפּאָן נאָר די גרויס;
מיט פורפורנע בערגלאָך באַזוימטע;
מיט גאָלדענעם קאָרן,
מיט זילבערנער רעטשקע,
מיט הימלן טיף־בלויע, פאַרטרוימטע,
מיט שלעסער פאַנטאַסטישע,
פון גינגאָלד געגאָסן,
מיט אַטלאַס און סאַמעט באַצויגן,
מיט פרינצן און גראַפן, ריטער און רײַטער,
מיט בלויע, פאַרחלומטע אויגן;
מיט בוימער און פעלדער, פאַרכשופטע וועלדער,
מיט קאַרשן און ווײַנשל און טרויבן,
מיט טאַטעס און מאַמעס, מיט יום־טוב און שבת,
מיט הייליקן געטליכן גלויבן.

ב.

ווי א געניץ גרוים מיין שטעדטיל,
הייזלעך שטעהען שטום און גרוי,
ווי עס וואלט א האנט א פרעמדע
זיי צעוואָרפן גלאט אזוי . . .
געסלאך קרומע, אויסגעדרייטע,
שלענגלען זיך אוועק צום שליאך,
און דעם רבי׳נס ציג די רויטע
צופּט דאס שטרוי פון רבינס דאך.
טאטעס אויסגעצערטע, בלאסע,
זענען כמורנע און פארזארגט,
ניטאָ א גראָשן צו פארדינען,
אויף שבת שטענדיק נאר מ׳בארגט.
און די ליבע, גוטע מאמעס
פאר דער צייט זיי ווערן אלט,
שטענדיק טראָגן, זויגן, זאָרגן,
אונטער שווערן יאך מען פאלט.
הויבט אויף א אידיש קינד די אויגן,
שפּיגלט זיך אין זילבער טוי.

„גאָט אין הימל — פרעגט דאָס קינד —
פארוואָס לײדן מיר אזוי?"

— — — — — — — — — — — — —

און די בערג ארום דעם שטעדטיל
זייען אלץ און בלייבען שטום.
און די מענשען הוילע, בלויזע,
וואָגלען ווי די מתים אום.

אָמר אביי

(מיין זיידן איציקל אהרנזאָן ע״ה)

אין זאַל באַם רייכן, רונדן טיש
דורך די נעכט פּלעגט מיין זיידע זיצן,
און אויף דער גמרא זענען געפאַלן
פון זיין באָרד די זילבער־שפּיצן.
שפּאַקולן מיט גאָלדענע „האָלאַבליעס״
אויף זיין שטערן טיף פאַרוקט,
און מיט א טרויעריקן ניגון
אינ׳ם ספר אַלץ געקוקט.
לייכט פּלעגט ער זיין קערפּער וויגן,
אנגעשפּאַרט אויף זיינע הענט,
און זיין שטילער גמרא ניגון
האָט אפּגעקלונגען אויף די ווענט.
„אמר אביי״ — האָט אביי געזאָגט,
וואָס זשע האָט אביי געזאָגט?
און מיין זיידנס צאַרטע שטימע
האָט אויף עפּעס שטיל געקלאָגט.
איינגעגנורעט, האַלב פאַרשלאָפן
אין מיין בעטל פּלעג איך ליגן
און מיין זיידנס ווייכע שטימע
פּלעגט אין בענקשאַפט מיך פאַרוויגן.

רבונו של עולם, אוי־אוי טאַטע זיסער!
פֿלעגט ער זיפֿצן אַזוי שווער.
אין מיין זיידנס זילבער באָרד
האָט באַהאַלטן זיך אַ טרער.
כ׳האָב די טרער אין זיך פֿאַרשלונגען.
פֿריש איז זי אין מיין זכרון.
מיין זיידנס קרעכץ, מיין זיידנס טרער
פֿאַרפֿאָלגן מיך אויף אַלע יאָרן.

מאַמע

(מיין מאַמען צו מוטעריס טאָג)

גאט האָט באַשאַפן דאָס לעבן,
ס׳פאלט אפט אזוי מוראדיק שווער.
גאט האָט באַשאַפן די מאמע,
וואָס העלפט מיט אַ קרעכץ, מיט א טרער.

גאט האָט באַשאַפן דעם פרילינג,
די בלומען, וואס בליען אין מאַי.
גאט האָט באַשאַפן די מאמע,
וואָס בלייבט אונז אויף אייביק געטריי.

גאט האָט באַשאַפן די מאמע,
קיינער פארנעמט ניט איר ארט.
פון אלע ווערטער דאָס שענסטע
„מאַמע" איז דאס הייליקסטע ווארט.

מאַמע — עס מורמלען די ליפּן —
ווען עפּעס אין הארצן עס קוועלט.
גאָט, שענק לאַנגע, גליקלאַכע יאָר
אַלע מאַמעס פון דער וועלט.

טאַכטער מיינע

טאָכטער מיינע!
כ׳ווייס ניט וואָס דיין גורל וועט זיין,
איך ווינטש דיר אין לעבן מער גליק.
כ׳ווייס וועסט פאַרזוכן פון לעבן דעם פיין
וועסטו קומען צו דיין מאמע׳ן צוריק.
און וועסטו מיין שוועל נאָר באַטרעטן
פאַרגיבן דיר וועל איך זיין גרייט.
ס׳מאַכט דאָך ניט אויס ווען עס וועט זיין —
ביי אַ מאמע׳ן איז קיינמאָל ניט שפּעט.
און וועל איך שוין מער ניט זיין צווישן אייך,
איך וועל שלאָפן דעם אייביגן שלאָף,
נישקאשע, אַ מאַמע פאַרשטיין קען די שפּראַך;
כ׳וועל הערן פון דאָרטן דיין רוף.
ס׳וועלן די טויט־בלאַסע ליפּן דאַן שמייכלען
אַ טרייסט וועלן זיין דיינע רייד;
ס׳וועט דאָס אייז־קאַלטע האַרץ פון אַ מאַמע׳ן
זיך צאַפּלען אין קבר פון פרייד.

ניט דערוועבטע חלומות

(מיינע זין)

כ׳האָב מיינע זין
אויף די ימים צושפּרייט,
די שיף איז בא זיי גאר דאס לעבן.
מיינע חלומות, וואס כ׳האָב נישט דערוועבט,
זיי וועלן פאר מיר שוין דערוועבן.
מיין הארץ האָט מיך שטענדיג
צו ימים געצויגן,
א כשוף איז דאָרטן געלעגן.
איך פלעג מיינע זין, אלס קינדערלאך נאָך,
מיט ים־לידער שטענדיג פארוויגן.
זענען זיי איצט קאפּיטאַנען געוואָרען,
דער ים איז בא זיי גאָר דאָס לעבן.
מיינע חלומות, וואס כ׳האָב נישט דערוועבט,
זיי וועלען פאר מיר שוין דערוועבען.

ווען א גאָט . . .

(מיין אינגעלע בן־אביב)

זיצט מיין אינגעלע מיין קליינס
עפּעס טיף פארקלערט;
די ליפּעלאך זיי ציטערען,
די אויגעלאך פארטרערט.

„זאג מיר מאמע", פרעגט ער שטיל
מיט א מינעלע זייער פרום,
„דארפן אלע מאמעס שטארבן"?
ס'וויינט אין אים זיין שטים.

מוזן אלע מאמעס שטארבן?
זאָג מיר: יא צו ניין —
צי וועל איך כאָטש אויף יענער וועלט
מיט דיר זיך קאנען זען?

בלאסער ווערט זיין פּנים'ל
אין די אויגעלאך איך זע
ציטערן צוויי טרערעלאך
ווייסינקע ווי שניי.

עס בלייבט פארקלערט מיין אינגעלע
און שטאַמלט שטיל און שווער:
„מאַמעס וואָלטן אייביק לעבן
ווען א גאָט איך ווער.”

— — — — — — — — — — — — —

עס טריפן זיינע טרערעלאך
ארונטער אויף מיין שויס —
איך דריק צו זיך מיין אינגעלע
און קוש די טרערן אויס . . .

איך ווייס איך בין א קבצנטע

(לייוויקן)

איך ווייס איך בין א קבצנטע קעגן דיר.
מיין ליד דאס ארימע
איז נאקעט, הויל.
איך בין א מילב א נישטיקע
לעבן א ריז א גייסטיקן.
טאָ שעם איך זיך
צו עפענען מיין מויל.
מיט א ציטער לייען איך שטיל דיין ליד,
ווי אַ תפילה אַ הייליקע,
פלאַטערט אזש מיין הארץ פאר פרייד.
בין איך דיר מקנא, גאָט'ס געבענטשטער.
זאל מיך גאט ניט שטראפן פאר די רייד.
א גאָט דארף דאך א בעל יושר זיין,
איינטיילן פארמעגן יעדן גלייך.
צום סוף
מאכט ער מיך
פאר אַ קבצנטע,
און דיך
אזוי גייסטרייך.

אַ בריוול צו מלכה לי

כ'האָב געלייענט דיין ליד,
שוועסטער מיינע.
פאַר מיר איז אויפגעגאַנגען
דיין שווער געמיט.
ביזט מיר געוואָרן נאָענט, אייגן,
איך וואָלט דיך וועלן עפּעס פרעגן:
פאַלט דיין לעבן שווער,
ווי מיינס, שוועסטער מיינע?
האָסטו אַ מאַן, אַ קינד?
צי ביסטו עלנט אויף דער וועלט?
איך שטעל מיר פאָר,
אַז דו ביסט צאַרט, שלאַנק,
מיט ליכטיק־זייד'נע האָר,
דיינע אויגן טיף פאַרחלומט,
דיין בליק צאַרט און מילד
און דיין האַרץ שטורמיק־ווילד,
ווי מיינס, שוועסטער מיינע.

איבעראַל

צי קומסטו יאָ, צי ניט,
דו זינגסט אין מיין בלוט,
צי פירסטו רוגז,
צי שלום —
דו ביסט מיין חלום,
איבעראַל דיין בליק,
איבעראַל דיין גליק.

אַפן גליטש

ב.

אינגל, צינגל, צימבל באס,
נעם ארויס דעם שליטן.
לאמיר לויפן אויפן גאס
פערדלעך זאלבעדריטן.

איינס און צוויי, און צוויי און איינס,
אין א שפּאן צוזאמען,
גליטשן זיך דעם בארג אראָפּ
באַקן זאָלן פלאַמען.

א שלעפּ, א גליטש, ארויף, אראָפּ,
א ווארט ניט רעדן קיינער,
אז דער רבי וועט עס וויסן,
אוי וועט ער ברעכן ביינער!

און מיט מוסר וועט ער אונז
אַ גאַנצן טאָג פאַרמוטשן.
געהערט א חוצפה פון יונגאטשעס?
אין העלן טאג זיך גליטשן!

באַ ליטן שרייבט מען תּנאָים,
בר־מצוה יונגען, טאַטענ׳ס קינדער,
און זיי גליטשן זיך אין גאַס,
להבֿדיל ווי באַ גוים.

נעמט מיך אין דעם רינג אריין

ג.

נעמט מיך אין דעם רינג אריין!
עס איז גוט א קינד צו זיין.
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי,
יאָרן גייען דאָך פאַרביי,
לאָמיר טאַנצן רונד ארום.
איצט גייסטו — און באַלד איך קום.
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי,
יאָרן גייען דאַך פאַרביי.
ס׳מאַכט ניט וואס די זון אונז באַקט!
לאָמיר צופּליעסקן צום טאַקט.
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי,
יאָרן גייען דאַך פאַרביי.
ס׳וועלן קומען יאָרן פיל
און צעשטערן אונזער שפּיל,
איינס, צוויי, דריי.
איינס, צוויי, דריי.
יארן גייען דאך פארביי

קינד, דאס לעבן איז אַ חלום

ד.

קינד, דאָס לעבען
איז א חלום.
חלום שטענדיק קינד.

ווער עס חלומ'ט ניט
אין לעבען
דער באַגייט א זינד.

קינד, דאס לעבען
איז א רגע,
נאר א רגע בלויז.

ווער עס נעמט ניט
אלץ פון לעבען,
יענעמ'ס זינד איז גרויס.

דער ווינט איז א שלעכטער

ה.

דער ווינט איז זייער א שלעכטער,
ער בייזערט זיך כסדר,
ער רייסט מיך פאר די פּאָלעס
און שלעפּט פון מיר די קליידער.

פלעכט זיך קאראהאָדן,
דרייט זיך ווי א ווירבער,
שטעקט ארויס א צינגל
און אנטלויפט וואָס גיכער.

ער שפּילט מיט אונז אין פאנדן,
ווייל איך אים געפינען —
ציט ער מיך באַם אויער,
אנטלויפט אינמיטן דרינען.

כ׳קען מיט אים ניט שפּילן,
ווייל ער איז א שלעכטער.
בעט איך זיך באַ אים —
קייכט ער פון געלעכטער.

לעבן מיינס

א.

לעבן מיינס!
האָסט מיר אין וועג
צוגעזאָגט גליק,
ביסט שולדיק א חוב —
גיב אָפּ!
זײַ ניט איינגעשפּאַרט,
איך וואַרט.
גיב א ביסל גליק!

ב.

ווי בערג אש שוין ליגן מיינע חלומות.
חלום מיינער, מיין איינציקער פאַרמעג!
איך בין נאָך אַזוי יונג אין יאָרן —
און אַלט אין מיינע שווערע טעג.

כ'האָב נאָך ניט מיין חלום אויסגעחלומט.
לעבן מיינס, וואָס פאַלסטו אַזוי טריב?
ווי גרויזאַם האָסטו אָפּגעשניטן
אַלץ וואָס איז געווען אַזוי נאָענט ליב!

ג.

נאכט,
שטילע נאכט,
פארשלינג מיין פיין!
לעבן מיינס,
עלענד לעבן מיינס,
זאָג: וואָס וועט זיין?

פרייד,
לעבענס פרייד!
וואו ביסטו, וואו?
לעבען מיינס,
עלענד לעבן מיינס!
וואָס וויינסטו
אויף פרייד,
וואָס איז ניטאָ.

אינהאלט פארצייכנים

לידער מיינע 3
מיין תחינה 7
זיי געבענטשט פרילינג . . . 9
* * * 10
מיין סוד 11
* * * 12
פאנטאסטישע חלומות . . . 13
מיין לעבן 14
זאל מיך גאט ניט שטראפן
פאר די רייד 15
צווי וועזענס 16
איך ווין ניט 17
בענקענדיק אזוי 18
מיינע נעכט 19
אייביג ווינטער 20
א פרילינג'ס חלום . . . 21
אז וואויל איז דיר 22
שאטנס 23
די הארף איז צעבראכן . . 24
אומעט 25
א ליד 26
געוויין פון אונטערגיין . . . 27
טריפט א רעגן 28
א שטורם קינד 29
איך דאנק דיר גאט 30
הזורעים בדמעה 32
ס'וויסן בלויז די ווענט . . 33
באפריי מיך 34
מ'שטיינס געזאגט 35
טא זאל אזוי זיין 36
ס'וועבט א חלום 37
שטילע נעכט 38
אן יום טוב 39
א טענה 40
כ'וועל ניט פארבייטן . . . 41
ווי א פידל 42
שטאלצע מענער 43
* * * 44
כ'זע גאט'ס וואונדער . . . 45
פאראנגען סודות 46
מיינע פערל 47
דאס לעבן 48

ווי שרייבט מען לידער . . . 49
די באַן 50
אין צער 52
שוואַרצע שאטענס 53
אומעט 54
עלענדער 55
כ'שעם זיך 56
איך בין אליין 57
אפן טראמוואי 59
אַף די וועגן 60
חלום'ען חלומות 65
פרייד, מיין פרייד 66
פרילינג 67
און אפשר אַ שעה 72
פרימארגן 73
גרינע פעלדער 74
אַ ליד נאָך אַ ליד 75
פאַרנאַכט 76
אין פעלד 77
לבנה־זילבער 78
אין קעמפ „האָפנונג" . . . 79
באַם ים 80
ווייגען מיר צוזאַמען 82
האַרבסט 83
פאַרשעמט 90
שפעטע רויזן 91
מיין גערטנדל 92
אַ בלומען טאָפ 93
בענקשאַפט 94
אַ מתנה דיר 99
ווען דו באַווייזט זיך . . . 104
פון זילבער קוואל 105
פרעגסט מיך 106
* * * 108
שיכור 109
מיט זון אַף מיינע ברעמען 110
דו קושסט אַזוי פרום . . . 111
דו ביסט 112
ליד 113
באַפעל, מיין האַר 114
מאָרגן אַנטקעגן 115
מיין ליבסטער 116
גאָט איז מיט מיר 117
אַף די ליפן 118
חלום אַף דער וואַר 119
אַ סערענאַדע 120
דיין 121
* * * 122
איך שווער (פאָלק מאטיוו) 124
קיין רו 125

אין פורפורנע שלייערם . . 126
אונטער איין דאך 128
עלנד 129
וועסט קומען 130
כ'צייל די טעג 131
בא מיר 132
צעשיידט 133
כ'האב געמיינט 134
צעריים א הארץ 135
אן עלענדע אזא 136
כ'ווארט אף דיר 137
ליבע־קראנק 138
* * * 139
קום, איך ווארט 140
האסט מיך פארשעמט . . . 141
ב'ווייס 142
בענקענדיק 143
* * * 144
אין יענע נעכט 145
יענע נאכט 146
נעכטן ערשט 147
ליבסטער 148
וואו ביסטו 149
א טאג בלויז 150
אזוי איז דאס לעבן 151
טא זיי מיר א ברודער . . . 152
מוטערלאנד 157
שוועסטער מיינע 159
טאכטער פון מיין לאנד . . 161
שלח מנות דיר 164
מיין שטעטל אזארעניץ . . 169
אמר אביי 172
מאמע 174
טאכטער מיינע 175
ניט דערוועבטע חלומות . . 176
ווען א גאט 177
איך ווייס איך בין א
קבצנטע 179
א בריוול צו מלכה לי . . . 180
איבעראל 181
אפן גליטש 182
נעמט מיך אין דעם רינג
אריין 184
קינד, דאס לעבן איז א
חלום 185
דער ווינט איז א שלעכטער 186
לעבן מיינס 187
נאכט 189